STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05362

PAN YOVYALSKI

Aleksander Fredro

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלעקסאנדער פֿרעדראָ

פֿאַן יאָוויאַלסקי

איבערגעזעצט פֿון פּויליש:
אידאַ קאַמינסקאַ און ל. אָליצקי

ייִדיש בוך

פֿאַרלאַג „ייִדיש בוך" װאַרשע 1953

ALEKSANDER FREDRO

PAN JOWIALSKI

Redaktor: L. OLICKI

רעדאַקטאָר: ל. אָליצקי

איבערגעזעצט:

פּראָזע: אידא קאַמינסקא

פערזן: ל. אָליצקי

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „IDISZ BUCH" Warszawa, Nowogrodzka 5

Zam. 994. Nakład 5,500 egz. Ark. druk. 10, ark. wyd 7 Druk ukończono w grudniu 1953 r. Pap. druk. sat. VII kl. 61 x 86 cm, 70 g.

Druk RSW „Prasa", W-wa, Tarcz. 4-B-55351.

פערזאָנען:

פאַן יאָוויאַלסקי

פאַני יאָוויאַלסקי — זיין ווייב

קאַמערהער יאָוויאַלסקי — זייער זון

קאַמערדאַמע — זיין פרוי

העלענע — דעם קאַמערהערס טאָכטער פון ערשטן ווייב

לודמיר

וויקטאָר

לאַקיי

די האַנדלונג קומט פאָר אויפן דאָרף אין הויז פון פאַן יאָוויאַלסקי

א הונגעריקן מאָגן וועסטו נישט פארשפּילן
מיט מעשהלעך, מיט חכמה אים נישט שטילן.

אנד. מאקס. פרעדרא.

ערשטער אַקט

אַ גאָרטן

סצענע I

לודמיר, וויקטאָר

(ביידע אין שפּענצערס פון דרעליך, שטרויענע קאַפּעליושן, טלומיקעס אויף די פּלייצעס. — לודמיר קומט ארויף אויף דער סצענע, ארומקוקנדיק זיך אין אלע זייטן).

וויקטאָר:

(הינטער דער בינע)

גוּוהין! וווהין! ווייטער גיי איך נישט.

לודמיר:

נאָך עטלעכע טריט, פּאַביע קאָלעגע — צוואָנציק, נישט מער. דאָ אונטער אָט דעם בוים. — זע, וואָס פאַר אַ געטליך אָרט אָפּצורוען: קילקייט, גראָז, אַ מורמלענדיק טייכל...

וויקטאָר:

(קומט אריין הינקענדיק, מיטן טלומיק אין האַנט)

וואָלקנס! בערג! די לבנה! שטערן! — אליץ צוזאַמען אין דיין קאָפּ.

(אַוועקוואַרפנדיק דעם קאַפּעליוש און טלומיק הינטערן בוים)

רעכט אויף מיר! — זייער, זייער רעכט. צו וועלכע שוואַרצע יאָר האָב איך

מיך באהארפט אריינלאָזן אין עסקים מיט א פּאָעט! מיט דעם־אָ מטורפן מענטשן. כ'האָב געמיינט, אַז ווער עס שרייבט גוטע געדיכטן, דער מוז אויך האָבן אַ גוטן פאַרשטאַנד — אָבער ווייס איך וואָס! עפּעס אַנדערש אין פּאַפּיר, און עפּעס אַנדערש אין די וועלט.
(נאָך א קורצן שווייגן)
זינג זיך אונטער, זינג!

לודמיר:

איך האָב עפּעס אַנדערש צו טאָן?

וויקטאָר:

האָסט נישט געהערט, וואָס איך האָב גערעדט?

לודמיר:

כ'האָב געהערט.

וויקטאָר:

דאָס האָב איך עס צו דיר גערעדט.

לודמיר:

כ'ווייס.

וויקטאָר:

פאַרשאָלטענע פלעגמאַטישקייט!

לודמיר:

נישט פלעגמאַטישקייט, נאָר געדולד. — האָסט פאַרשוויצטערהייט אומפאָרזיכטיק געטרונקען קאַלט וואַסער, און א פּאַראַליז האָט געכאַפּט דיין פאַרשטאַנד, אָבער איך וועל צווואַרטן: איך האָף, אַז ער וועט גענעזן ווערן

וויקטאָר:

(אויפשפרינגעדיק, זעצט ער זיך)
איך האָב פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד? איך? — דאָס געפעלט מיר.

לודמיר:

גאָט צו דאַנקען, וואָס עפּעס געפעלט דיר פאָרט.

וויקטאָר:

אָבער זיכער נישט דאָס, וואָס איך גיי אָנגעטאָן, ווי אויף א מאַסקן־באַל און שלעפּ מיך פון דאָרף צו דאָרף. — אָבער צו קומען צום שכל איז קיינמאָל נישט צו שפּעט, טו זשע דו זיך, וואָס דו ווילסט, און איך ווייס, וואָס כ'וועל טאָן.

לודמיר:

כ'מישל?

וויקטאָר:

כ'וועל גיין, דינגען אַ פורל...

לודמיר:

מיט פערד, צי אַן פערד?

וויקטאָר:

מיט פערד צי מיט אייזלען — כ'וועל דינגען ביז צו דער ערשטער פּאָסטשט,
און פון דאָרט קער איך זיך אום מיט דער פּאָסטשט אַהיים.

לודמיר:

און דערנאָך?

וויקטאָר:

(אַלץ אומגעדולדיקער)

און דערנאָך וועל איך מיט גרויסע אותיות אָנשרייבן...

לודמיר:

מאָל בעסער אַז, ווייל מיטן שרייבן ביסטו עפּעס נישט אַזוי, און מאָלן מאָלסטו שיין.

וויקטאָר:

וועל איך אָנמאָלן, אָנמאָלן מיט אַרשיניקע אותיות...

לודמיר:

אַוודאי מיט גאָטישע, מיט פאַרשידענע...

וויקטאָר:

מיט וועלכע ס'זאָל נישט זיין, אומדערטרעגלעכער און פאַרשאָלטענער פּאָעט — אָבער מיט די דייטלעכסטע: אַז מטורף און נאָכאַמאָל מטורף איז דער, וואָס לאָזט זיך אַריין אין עסקים מיט באַשעפענישן, וואָס מע רופט זיי „פּאָעטן".

לודמיר:

און דער אַרשיניקער... אַן אַרשיניקער דאָך?

וויקטאָר:

אַ קלאַפּטערדיקער.

לודמיר:

דער קלאַפּטערדיקער געמאָלטער אויפשריפט?

וויקטאָר:

וועט איבערבלייבן פאַר די קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך.

לודמיר:

ווילסטו הייסט עס חתונה האָבן?

וויקטאָר:

מעגלעך.

לודמיר:

וואָרן וועסט דאָך נישט וועלן האָבן אייניקלעך און אוראייניקלעך...

וויקטאָר:

סוף־כל־סוף קער איך זיך אום צו מיין געמיטלעך צימערל, צו מיינע בילדער, צו מיינע בלייפעדערס.

לודמיר:

„ס'איז דער אַ שוטה, וועלכער צוליב שרעק
פאַרליַרט דעם מוט אין מיטן וועג...“

וויקטאָר:

זאָג מיר: צו וואָס שלעפּ איך זיך דיר נאָך?

לודמיר:

דיין טעקע, אַ פולע מיט צייכענונגען, וועט ענטפערן פאַר מיר.

וויקטאָר:

(מיט איבערטרייבונג)

„קום מיט מיר, וויקטאָר* — לאָמיר זיך אַוועקלאָזן אין אַן אָפּגעזונדערטער געגנט — מיר וועלן האָרט פאַרשן די קדמונישע נאַטור. — שלעסער אויף די שנײ־שפּיצן פון די קאַרפּאַטן, שטומע עדות פון דער פאַרגאַנגענהייט — העגנענדיקע פעלדזן, וואָס דראָען יעדע מינוט יאָרהונדערטער שוין אַראָפּצופאַלן — שטראָמיקע טייכן, שוואַרצע פיכטעס און בליענדיקע רויזן ביי־נאַנד — וועלן אונדז ביידע באַגייסטערן צו נייע ווערק. דאָרטן, ווייט פון דער וועלט...“ אָבער ווי קאָן איך עס מיר דערמאָנען נאָר אַלע ווערטער, מיט וועלכע האָסט גאַנצע טעג, ווי אַ סירענע...**

לודמיר:

נאָר נישט יענע פונעם דניעסטער, בעט איך דיך זייער.***

וויקטאָר:

ווי די סירענע פון פּעטלעוו**** האָסטו מיך געלאָזט צו דער־אָ שלימזל־דיקער רייזע: — און אַנשטאָט שלעסער, פעלדזן, טייכן, עפּעס אַ ווילדע שרעקלעכע און גלייכצייטיק אַנטציקנדיקע נאַטור, וועלכע כ'האָב מיר אַפילו אין דמיון נישט געקענט פאָרשטעלן. — שלעפּן מיר זיך פון איין

* וויקטאָר שפּעט דאָ איבער, ווי לודמיר האָט אים צוגעגעבן חשק צו דער רייזע.

** סירענע — אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע אַ ים־געטין — האַלב פרוי, האַלב פיש. די סירענעס פלעגן מיט זייער געזאַנג פאַרפירן די ים־פאָרער.

*** „סירענע פון דניעסטער“ האָט געהייסן אַ פּאָפּולערע, אָבער זייער שלעכטע אָפּערע, וואָס איז צו יענער צייט געשפּילט געוואָרן אין לעמבערג.

**** פּעטלעוו איז אַ קליין טייכל, וואָס פליסט פאַרביי לעמבערג. וויקטאָרס בייסיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס טייכל האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ נישט אָנגענעמען גערוך.

קרעטשמע צו דער צווייטער. הערסט זיך דאָרט צו שעהענווייז, אונטער-געשפּאַרט אויף דער האַנט, צו די שמועסן פון פויערים, יידן, באַלעגאָלעס און הייסט מיר מאָלן עפּעס אַ שיכּורן מויערער, אַ יידן, וואָס איז פאַרטאָן אין אַ חשבון, אַ פלוידערנדיקן אָרגאַניסט.

לודמיר:

אַך, דער אָרגאַניסט, דער אָרגאַניסט! ער איז געווען אַ מיליאָן, ער וועט זיך מאַכן אומשטערבלעך — ער האָט זיך דיר אויסערגעוויינלעך איינ-געגעבן — נאָר דו האָסט אים נאָך אַביסל פאַרריכטן — די גאַמבע איז צו גרויס. אויסגעצייכנט, אויסגעצייכנט איז דער אָרגאַניסט! ווייז אים נאָר.

וויקטאָר:

לאָז מיך צורו! — באַוויליק דו צו באַווייזן דעם סאַלצעסאָן-ווורשט און דעם ווייַן.

לודמיר:

אהא! אָט איז דער באַשייד פונעם רעטעניש — דער פּאַן איז הונגעריק דער פּאַן איז אין אַ שלעכטן הומאָר. באַלד וועל איך דעם פּאַן דינען!

(אַרויסנעמענדיק)

אָבער דאָס איז אַ שאַנד פאַר דער קונסט, וואָס איר, די פענדזל- און בליי-פעדער-העלדן, זענט אזוי זשעדנע אויף דער פּראָזאישער אכילה...

וויקטאָר:

און איר, טינט- און פעדער-העלדן, לעבט לויטער פון לופט, נאָר פון דער מוזעס באַגייסטערונג. שפּילט זשע אויף אויפן גאָלדענעם באַרבאָן* — זינגט-אויף העל-זעערישע לידער — זאָלן שטיינער טאַנצן — ביימער וויינען — און איך וועל דערווייל עסן.

(אַ וויל שווייגן)

זאָג מיר, מיין האַרציקער לודמיר...

לודמיר:

אָהאָ! „האַרציקער לודמיר" — דער סאַלצעסאָן האָט געווירקט.

וויקטאָר:

אַ ווערטל אויף אַ זייט — זאָג מיר, וואָס פאַר אַ גוטס דערוואַרטסטו אין דיינע ברודיקע קרעטשמעס? וואָס זוכסטו ביים פּראָסטן פאָלק?

לודמיר:

פּראָסטן שכל.

וויקטאָר:

אַ שיינער שכל! זיי טרינקען און פלוידערן שיכּורעהייט.

* אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט; סימבאָל פון פּאָעטישער שעפערישקייט.

לודמיר:

עס נאָך אביסל, עס, מיין האַרציקער וויקטאָר, ווייל לויט דיין באַמערקונג מיאַרקיר איך, אַז דו ביסט נאָך שרעקלעך הונגעריק. — איז נישט אַזוי נאָר יעדער אָפּרו, און יעדער נאָכמיטאָג... א קוועטשער וועט מען פונענעם באשרייבן? אין א קרעטשמע וועט געוועז מע זאָל אים באַשרייבן?

וויקטאָר:

א שאָד די פעדער.

לודמיר:

אַך, ווען וועלן מיר שוין אַראָפּגיין פון די געוועקסטע פּאַרקעטן, אויף וועלכע מיר דרייען זיך, דרייען זיך כסדר, ביז מיגלריקן קאָפּ־שווינדל. — זיי זיכער, ביים פּראָסטן פאָלק וועסטו געפינען: פאַרשטאַנדיקייט, שאַרפזין, פּיקחות, פּיפּיקייט, נאָר אַנדערש אויסגעדריקט; אפשר צו שאַרף, אָבער — דערפאַר בעסער. דאָרט רופט מען אַלץ אָן ביים אמת'ן נאָמען: א יידיד רופט מען יידיד און א לאָטער, לאָטער — דאָרט איז אין יעדן אויסדרוק פאַראַן אַ זין, אַ גוטער צי א שלעכטער, אָבער ער איז פאַראַן. נישט אַזוי, ווי אין אונדזערע סאַלאָנען: מע הויבט אָן בלומען אויף בלומען, אָבער טוסט אויף זיי א בלאָז, בלייבט נישט גאָרנישט, אבסאָלוט גאָרנישט. דערפאַר טאַקע זענען אויך מיר, די אויטאָרן, גערן צו האַלטן זיך ביי בלומיקער מליצה — ס'איז לייכטער זיך אויסצופוצן ווי צו שאַפן. -- קיין וויין וועסטו נישט טרינקען?

וויקטאָר:

פאַרוואָס זאָל איך נישט טרינקען?

לודמיר:

(אויסטרינקענדיק)

כ'האָב געמיינט, אַז דו וועסט נישט טרינקען צוליב דיין שלעכטער שטימונג; קיין זאך האָט נישט אַזא שעדלעכע ווירקונג, ווי וויין אויף אַן אויפגערודערטער גאַל.

וויקטאָר:

נו, גיס אָן.

לודמיר:

ווי די וואַן־דייקס טרינקען דאָס! — גיב שוין אַהער דאָס גלעזעלע.

וויקטאָר:

האָסט דאָך נאָר־וואָס אויסגעטרונקען.

לודמיר:

איז... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן...

(טרינקט)

מיר וועלן צוזאַמען אַרויסגעבן אַ באַשרייבונג פון אונדזער רייזע; צו יעדן קאַפּיטל וועסטו צוגעבן אַ צייכענונג.

וויקטאָר:

(אויפשפרינגענדיק)

אַך, דאָס! דאָס איז עס די גאַנצע זאַך! — ער האָט געוואָלט האָבן צייכענונגען צו זיינע מעשיות און מיר דערציילט אַ מעשה פון אַ ציגעלע אַ ווייכע. און איך, איך נאַר האָב מיך געלאָזט איינרעדן עפּעס שלעכטער אין דער לופטן.

לודמיר:

פּיילוויין איז עס אמת... אָבער אויך אין די קאַרפּאַטן וועלן מיר זיין.

וויקטאָר:

אַקוראַט ווי איך וואָלט שוין דאָרט געווען.

לודמיר:

אפשר וועט זיך אונדז איינגעבן צו באַגעגענען שאַנדאָרן.*

וויקטאָר:

וועלכן שאַנדאָר? וואָס פאַר אַ שאַנדאָר?

לודמיר:

נו שאַנדאָרן, דעם ראָמאַנטישן רויבער-העלדעש, וועגן וועלכן מע דערציילט זיך אַן ניסים פון שלעכטס און גוטס גלייכצייטיק, אָבער וואָס קיינער האָט אים נאָך ביז הייגט נישט געזען.

וויקטאָר:

איך בין נישט משועקאווע צו באַקענען דעם פאַן שאַנדאָר.

לודמיר:

וועסט זיך איבערצייגן, אַז ס'איז פאַראַן אַ שלל סאַמע פּרעכטיקסטע פּייזאַזשן, וואָס זענען ווערט דיין פּענדזל.

וויקטאָר:

און איך האָב באַדאַרפט זיין אַזוי בלינד! איך האָב אים באַדאַרפט גלייבן! איך האָב זיך באַדאַרפט אַרומשלעפּן אין הונגער און קעלט צוליב זיינע ציינעונגען.

לודמיר:

(מיט געמאַכטער התפּעלות)

גיב אַ קוק, אַפילו דאָ, איז עס נישט קיין געטלעכער פּייזאַזש? אָט דאָס הויז אין בלומען — אָט דער טייך — ביימער — וויטער דאָס העקל — אין דער טיף די בלויע קאַרפּאַטן.

---

* ראָזא שאַנדאָר: אַן אויטענטישע פּערזאָן, אַ באַרימטער באַנדיט פון די קאַרפּאַטן, וועלכער האָט גראַסירט אין אונגאַרן און אין פּוילן.

וויקטאָר:

באמת — א שיינער פּייזאַזש — און די שיין, ווי שיין זי פאַלט אויף אַט די פּיכטעס.

לודמיר:

(קניענדיק)

זאָל איך דיר דינען פאַר אַ טישל? לייג אַנידער די טעקע אויף מיין קאָפּ.

וויקטאָר:

(טוט אַ כאַפּ דעם טלומיק און וואַרפט אים דערנאָד אַוועק)

ניין, ניין — ווילסט מיר שוין ווידער דעם קאָפּ פאַרדרייען.

לודמיר:

(מיט געמאַכטער התפּעלות)

אַט די שיין! אַט די שיין! און אַט דער שאָטן! אַך, איך בין אַנטציקט!

וויקטאָר:

און איך נישט. און טו דיר, וואָס דו ווילסט, איך קער זיך אום אהיים.

לודמיר:

(בעטנדיק)

וויקטאָר, בלייב!

וויקטאָר:

איך קאָן נישט.

לודמיר:

וויקטאָרל!

וויקטאָר:

קוים וואָס איך קאָן גיין.

לודמיר:

וויקטאָרל! וואַן־דייק! רובענס!

וויקטאָר:

ארויסגעוואָרפענע רייד.

לודמיר:

(זיך אויפהייבנדיק)

נעמט דיך דער וואַטנמאַכער, פאַרשאָלטענער שמירער! אָבער זאָגסטו מיר צו לכל־הפּחות, אַז איך וועל טרעפן די ציכענונגען פאַרענדיקטע?

וויקטאָר:

איך בין אַ שמירער?...

לודמיר:

ניין, ניין. דו ווייסט, אַז דו ביסט מיין וואַן־דייק, סאַלוואַטאָר ראָסאַ.

וויקטאָר:

וואַן־דייק און סאַלוואַטאָר ראָסאַ — וואָס פלאַפּלט דער פאַרשוין!

לודמיר:

די צייכענונגען וועלן זיין?

וויקטאָר:

וועלן זיין, וועלן זיין. — אַדיע!

לודמיר:

זיי געזונט, דו פאַרעקשנטער מענטש, וואָס די נעמער האָבן אַמאָל אין אומגעשטילטן צאָרן אויפן דאָזיקן עמק־הבכא אַראָפּגעשליידערט.

וויקטאָר:

(אַוועקגייענדיק)

גוט, גוט.

לודמיר:

(שרייט אים נאָך)

און דעם אָרגאַניסט פאַרריכט די גאָמבע. געדענק.

וויקטאָר:

(הינטער דער בינע)

כ'געדענק, כ'געדענק.

סצענע II

לודמיר

לודמיר:

(אַליין)

ער איז אַוועק — אַ שאָד — כ'בין זיך אומבאַטראַכט צו שאַרף מיט אים באַגאַנגען; אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר מיר.

(זיך זעצנדיק)

יאָ, פון הייַנט אָן וואַרף איך אַוועק די פּרעכטיקע סאַלאָנען און קלייב זיך אַריין אין אַ באַשיידן שטיבעלע מיט אַ שטרויענעם דאַך; דאָרט איז דער מענטש נאָך לויטער. די קולטור האָט מיט אַ שוין צו געדיכטן פּאָליטור פאַרצויגן די העכערע געזעלשאַפט. אַלע טיפן האָבן אָנגענומען איין אויסער־לעך אויסזען; נישטאָ קיין בולטע קאָנטורן. וואָס וועט זאָגן די וועלט, דאָס איז הייַנט די נשמה פון אַלץ. אַמאָל איז דער קאַרגער געגאַנגען אין איבער־געניצעוועטע בגדים, געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס. הייַנט איז דער קמצן אַ קמצן נאָר אין אַ ווינקל: די זאָרג וועגן דער געזעלשאַפטלעכער מיי־נונג האָט גובר געווען די ליבע צום געלד; ער וועט אפילו וותרנותדיק געבן אַ נדבה אַן אָרעמאַן, אַבי נאָר די וועלט זאָל וועגן דעם וויסן. דער אייפער־זיכטיקער פאַרבייסט די ליפּן און שווייגט. דער פּחדן טוט אָן אַ מונדיר. דער טיראַן פּיעשטשעט זיך; מיט איין וואָרט, אַלץ ניסט זיך אויס

אין דער פֿאַרעם פֿון אָנשטענדיקייט. אין יעדן מענטשן זענען פֿאַראַן צוויי פּערזאָן; די ביידע וואָלטן תמיד באַדאַרפֿט זיין טאָפּל ווי מידאַלן, האָבן צוויי זייטן. צו מאָליערס קאָמעדיע איז געקומען אַ סוף... אָבער ס'גייט נאָך אַ צווייטע — אַ פּאָר אַנטשולדיקט, איך מוז זיך אויסטערהערן; ס'פֿעלן מיר נאָך עטלעכע קאַפּיטלען. כ'וועל זיך מאַכן שלאָפֿנדיק.

(לייגט זיך הינטערן בוים)

סצענע III

קאָמערדאַמע, יאַנוש, לודמיר

יאַנוש:

העלענע ליבט מיך, דאָס איז אָן ספֿק. און פֿאַרוואָס זאָל זי נישט ליבן? — איך בין פֿון פֿיינער אָפּשטאַמונג, כ'בין אַ יונגער, אַ שיינער, אַ קלוגער און כ'פֿאַרמאָג אַ דאָרף, וואָס אַזאַ איז ווייט צו זוכן.

לודמיר:

(אפארט)

אָט דער, זע איך, וויל אָפּפֿרעגן מיין מיינונג.

יאַנוש:

דעריבער פֿאַרשטיי איך נישט דאָס אָפּלייגן, וואָס זי פֿאָדערט און דאָס שוין צום דריטן מאָל.

קאָמערדאַמע:

(רעדט פֿאַמעלעך, אָבער דאָך דעצידירט)

איך פֿאַרשטיי זייער גוט; אָבער די אַלע אויסרייען וועלן קיין פּעולה נישט האָבן. זי וועט התּוגה האָבן מיט אייער גנעדיקייט, איך גאַראַנטיר דערפֿאַר. און זי וואָלט שוין פֿון לאַנג געווען די פּאַני יאַנושאָווע, ווען נישט די שטערונגען, וועלכע בלויז איך איינע בין ביכולת צו באַקעמפֿן און וועלכע כ'וועל באַקעמפֿן.

(טוט פֿון צייט צו צייט אַ שמעק טאַבאַק)

יאַנוש:

אין אייערע הענט, פּאַני קאָמערדאַמע, ליגט מיין גליק.

קאָמערדאַמע:

אין דער גאַנצער פֿאַמיליע יאָוויאַלסקי איז נישטאָ פֿאַר קיין גראָשן פֿאַרשטאַנד, דאָס איז אַ דערוויזענע זאַך, און הגם זיי ווילן עס מיר נישט גלייבן, חזר איך זיי דאָס תּמיד איבער. ווייל איך האָב ליב צו זאָגן יעדן דעם אמת, פֿאַמעלעך, העפֿלעך און אויסדריקלעך. — דער אַלטער יאָוויאַלסקי פֿרעגט נישט, וואָס עס טוט זיך, וויאַזוי עס טוט זיך אין שטוב.

אַבי נאָר ער זאָל האָבן עמעצן, וואָס זאָל אויסהערן זיינע שפּריכווערטער, משלים און אַנעקדאָטן. אָבער פּאָרט איז אין זיין האַנט דער מאַיאָנטעק.—
C'est la chose*

יאַנוש:

ער האָט מיך זייער ליב.

קאַמערדאַמע:

וואָס ער האָט עס ליב! ביסטו פריילעך, — זעץ דיך; ביסטו אומעטיק — אַרויס אויף יענער זייט טיר. — די אַלטע יאַוואַלסקי ווידער איז בלויז אַ שאָטן פון איר געליבטן מאַן; זי האָט שוין נישט קיין געפיל און קיין געדאַנק פאַר קיין שום זאַך, בלויז פאַר איר אָפּגאָטס וויציקע ריד, פון וועלכע זי לאַכט שוין אַ יאָר פופציק צו צען שעה אַ טאָג.
C'est une misére**

לודמיר:

(אפארט)

האָ, האָ! דאָס זענען טיפּן.

קאַמערדאַמע:

מיין מאַן איז א גוט באַשעפעניש, א קאַלב, א טיפּשעוואַטער — האָט קיין שום מיינונג נישט, און דערפאַר האָב איך מיט אים חתונה געהאַט נאָך דער אומגליקלעכער פאַסירונג מיט מיין גאָטזעליקן ערשטן מאַן, גענעראַל־מאַיאָר טוז. איך ווייס נישט, צי איר האָט געהערט וועגן דער פאַסירונג. ווי אַזוי ער איז דערטרונקען געוואָרן? Vous savez ***

יאַנוש:

כ'האָב געהערט, געהערט, גנעדיקע פאַני.

קאַמערדאַמע:

איז מיין איצטיקער מאַן, וועלכן מען רופט אין שטוב „דער פאַניטש“. כאָטש ער איז שוין אַלט אַ יאָר פופציק, האָט קיין שום מיינונג נישט. ביי אים איז אַלץ: גוט, זייער גוט — אַבי ער זאָל זיך מיט גאָרנישט פאַרנעמען, חוץ מיט זיינע פייגעלעך, אַבי נאָר ער זאָל גוט אָפּעסן, נאָך בעסער זיך אויסשלאָפן. דאָס איז אַ מענטש, וואָס ס'איז אים נישט צו דערוועקן, ווי אַ זעקל גריץ. Hélas! ****

---

* דאָס איז אַן ענין. — די קאַמערדאַמע באַנוצט אָפט אויף אַ גרייזיקן אופן פראַנצויזישע אויסדרוקן.

** דאָס איז שרעקלעך, — מיינט זי צו זאָגן.

*** איר ווייסט?

**** צום באַדויערן!

יאנוש:

ער האָט מיר געכטן געזאָגט, אַז ער וועט זיין זייער גליקלעך צו האָבן פּאַר אַן איידעם אַזאַ פאַרשטענדיקן מענטשן.

קאָמערהאָמע:

דריי מאָל אַ שעה זאָגט ער שוואַרץ, ווייס און ווידער שוואַרץ, און ווייסט אַפילו נישט, אַז ער האָט געביטן די מיינונג. Mon Dieu!*

יאנוש:

דערפאַר אָבער טוט ער, וואָס איר, גנעדיקע פּאַני, הייסט.

קאָמערהאָמע:

ער טוט, וואָס איך הייס, קיין ספק נישט, ווייל ער מוז טאָן; אָבער אין אַ מינוט אַרום וועט ער אויך טאָן, וואָס עס וועט אים הייסן זיין דינער. — איך זאָג אייער גנעדיקייט אָפנהאַרציק, אַז איך וועל געבן אויף אַ מעסע, ווען איך וועל מיך אַרויסקריגן פון דאָזיקן הויז. אָבער דאָס קאָן נישט געשען פריער, איידער העלענע וועט חתונה האָבן — ווייל דער אַלטער יאָוויאַלסקי, וועלכער קאָן זיך אָן קיין צאָלרייכער געזעלשאַפט נישט באַגיין, האָט אונדז, צוטיילנדיק בעת דער חתונה דאָס דאָרף, געשטעלט אַ באַדינג, אַז מיר מוזן ביי אים אַזוי לאַנג וווינען, ביז העלענע וועט נישט חתונה האָבן.

יאנוש:

און דעמולט?

קאָמערהאָמע:

וועט זי דאָ בלייבן מיטן מאַן. אָבער מע מוז זאָגן: זי איז נישט אין זיידן, נישט אין מאַמן געראָטן. זי איז אַ גוטע קינד, מיין שטיף-טאָכטער, נאָר זי האָט זיך איר ווילן און איר עקשנות, און איך האָב דאָס נישט ליב. — דערביי איז איר נאָך דאָס קעפּל מיט ראָמאַנען און פּאָעזיעס פאַרדרייט. און דערצו, פּאַניע יאַנוש, וואָלט מען דאַרפן אַביסל זיך צופּאַסן. — Je vous Prie **

יאנוש:

פאַרמאָגנדיק אַ גוט האַרץ, דאַרף איך נאָך זיין ראָמאַנטיש?

קאָמערהאָמע:

ס'וואָלט גוט זיין.

לודמיר:

(אפארט)

אַ ראָמאַנטישע! וואָס פאַר אַ פעלד!

---

* גאָט מיינער!

** שטעלט אייך פאָר.

קאַמערהאָמע:

העלענע וואָלט וועלן עפּעס אַ מרה־שחורהדיקן אָמאָגט, וואָס פאַרברענגט די נעכט צווישן קבֿרים. La! *

יאַנוש:

דערויף שרייב איך זיך נישט אונטער.

קאַמערהאָמע:

עפּעס אַ מין געהיימניספולע בענקשאַפט, טענות קעגן דער מענטשלעכער אומגערעכטיקייט, און אַפילו אפשר לייכטע געוויסן־פּיין — ווי איך האָב זיך דאָס צופעליק דערוווּסט פון איר מאַג־בוך — וואָלט לחלוטין נישט געשאַדט.

לודמיר:

(אַפּאַרט)

יאַראָמיר, אַלף, לאַרא.** איך פאַרשטיי!

יאַנוש:

דאָס קאָן נישט זיין — איך בין אַן ערלעכער גוטבאַזיצער און אַן ערן־דעפּוטאַט. — אָבער מיר דאַכט זיך, אַז עס איז שוין צייט צו גיין פרי־שטיקן.

קאַמערהאָמע:

ווירקלעך, קומט.

יאַנוש:

איך דין אייך.

(באַמערקנדיק לודמירן)

אַ!...

קאַמערהאָמע:

(איבערגעשראָקן)

אַ! — וואָס? — אַ זשאַבע?

יאַנוש:

גיין, עפּעס אַ פּאַן *** Sans - façon שלאָפט זיך אונטערן בוים.

קאַמערהאָמע:

ווענען זשע זאָל ער שלאָפן, אַז נישט זיך? **** Voyons

---

* דאָרטן.

** יאַראָמיר, אַלף, לאַראַ — אומגליקלעכע העלדן: דער ערשטער פון אַ טראַגעדיע פון גרילפּאַרצער, די צוויי אַנדערע פון בייראָנס אַ פּאָעמע.

*** אָן צערעמאָניעס.

**** מירן אַ קוק טאָן.

יאנוש:

אָבער דאָ, אין גאָרטן?

קאָמערהאָמע:

עפּעס אַ וואַנדרערער.

יאנוש:

און אַ לייויק פּלעשל אונטערן קוסט. — דער בירגער האָט זיך הייסט עס אָנגעשיכורט.

קאָמערהאָמע:

טאָ זאָל ער זיך אויסשלאָפן.

יאנוש:

מע וואָלט אים האָרפן אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצל.

קאָמערהאָמע:

אך, וואָס נאָך ווידער! Allons! *

יאנוש:

מע דאַרף זיך פאַרווײַלן, — פאַן יאַוויאַלסקי וועט הנאה האָבן.

קאָמערהאָמע:

דערמיט וועט איר בײַ העלענען נישט אויסנעמען.

יאנוש:

פאַרוואָס, פאַרוואָס? אַבי נאָר עפּעס קלוגס — באַלד — וואָס זאָל מען אים דאָ אָפּטאָן? — כ'זאָל האָבן פּאַקוליע און פּאַפּיר... אָדער כ'וועל אים אָפּגיסן מיט וואַסער.

קאָמערהאָמע:

האָס וועל איך נישט דערלויבן. Cést malhonnete **

יאנוש:

אָדער... המם... המם... איך ווייס שוין: כ'וועל אים הייסן אַריבערטראָגן אין פּאַלאַץ.

קאָמערהאָמע:

צו וואָס?

יאנוש:

כ'האָב געזען אַן ענלעכע קאָמעדיע... אויסגעצייכנט!... מיר וועלן לאַכן אַ גאַנצן טאָג.

---

* לאָמיר גיין.

** דאָס איז נישט אָרנטלעך.

קאַמערדאַמע:

מיר געפעלט דאָס נישט. — *C'est ordinaire

יאַנוש:

זאָל די גנעדיקע פאַני נישט פאַרהוערן אַן אומשולדיקע פאַרווײַלונג — איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז איך האַרף זיך באַמיִען געפעלן צו ווערן דעם פאַן יאַוויאַלסקי?

קאַמערדאַמע:

איבעריקנס, טו, ווי דו ווילסט. — אָבער ** Ce n'est rien

יאַנוש:

ס'וועט אַלץ גוט זײַן, איך גאַראַנטיר. איך וועל היישן אים אַריבערטראָגן, איבערטון אין אונדזער טעאַטער־טראַכט, מיר וועלן אים אײַנרעדן, אַז ער איז... ער איז... נו, וועגן דעם וועלן מיר זיך שוין אַלע באַראַטן, נאָר קודם מוז מען אים אַריבערטראָגן. איך וועל זיך באַלד אומקערן נאָך אים מיט עטלעכע מענטשן — איך דין אײַך. אַן אויסגעצייכנטער געדאַנק! — האָס וועט אײַך העלפֿן אַמוזירן.

(אַפּגייענדיק)

אַ קלוגער מענטש קאָן אַלץ אויסנוצן.

סצענע IV

לודמיר

לודמיר:

(אַליין)

אָ, גאָט! מיט וואָס האָב איך זיך פאַרדינט אויף אַזוי פיל חסדים! צו וואָס פאַר אַ מענטשן דו פירסט מיך מיט חסד! עפּעס אַ פאַן יאַוויאַלסקי, וואָס פאַר אַ פיגור נישט אָפּצושאַצן דאָס מוז זײַן, און זײַן חייב איז אויך אַ גוטע, און זײַן זון, און אָט דער פאַן יאַנוש, וואָס האָט פאַרשטאַנד און אַ דאָרף, איז אויך נישט שלעכט. אַ שטיף־מאַמע אַ גענעראַלשע און אַ ראָמאַנטישע שטיף־טאָכטער. אוצרות! אַך, אוצרות! און איך, איך דאַרף ווערן דער ציל פון זייער פאַרווײַלונג? אַך, גוט, גוט, איך וועל עס זײַן, מיט דער נשמה, מיטן האַרצן. — כ'וועל אַפילו אונטערן טיש קריכן, אויב איר וועט הייסן, אַבי איך זאָל מיט אײַך איין טאָג פאַרברענגען. זאָל מען מיך טראָגן — זאָל מען מיך איבערטאָן, כ'וועל שלאָפן ווי אַ געהרגעטער.

* דאָס איז באַנאַל.

** דאָס האָט קיין באַדײַטונג נישט.

סצענע V

העלענע

בינע־ענדערונג. — אַ צימער מיט צוויי טירן אין דער טיף: איינע, אין צימער פון פאַן יאַוויאַלסקי, די צווייטע, אַן אַריינגאַנגס־טיר — צוויי זייטיקע טירן. אַ פענצטער לינקס פון די שווישפּילער.

העלענע:

(אַליין)

דריי טעג צו באַדענקען זיך — דריי טעג צו באַדענקען זיך! ווייַ! ווי צו דער, וואָס נייגט זיך אין דער האָזיקער צייט, וואָס איר האַרץ וועט נישט קיין קלאַפּ טאָן פון פרייד ביזן מאָמענט, ווען זי וועט קאָנען זאָגן איר האַרצנס־געליבטן: איך בין דיינע, דיינע אויף אייביק. — איך האָף ווערן יאַנושעס פרוי, ער מיין מאַן, ער אַ העלפט פון מיין נשמה! ער, ער, וואָס זיין גייסט וועט זיך איבער דער אייבערפלאַך קיינמאָל נישט דערהייבן! פאַר וועמען ס'איז פאַרשלאָסן די וועלט פון אידעאַלן! וועלכער באַליידיקט די ריינע ליבע, אַראָפּשלעפּנדיק זי פון די הויכע ספערן אין די אָרעמס פון דער לייךנשאַפט! — אַך, העלענע! איז דאָס שוין אַזוי דיין גורל? וועלן דיינע געפילן אינערגעץ נישט געפינען קיין אָפּקלאַנג? וועט אומעטום בלויז דער קאַלטער פאַרשטאַנד ענטפערן מיט קעגנזייטיקייט אויף די הייסע אַרומאַרעמונגען פון דיין דמיון?

(נאָך אַ קורצן שווייגן)

ניין, נישט אַזעלכן, וואָס גלאַנצט מיט זיין שיין געשטאַלט, נישט אַזעלכן. וואָס גלאַנצט מיט זיין אָפּשטאַם און מאַיאָנטעק, ניין, נישט אַזעלכן באַגער איך. אַ נשמה זוכט מיין נשמה. וואָס מער די וועלט וועט אים אָפּשטויסן, אַלץ הייסער וועל איך אויסשטרעקן צו אים און אויסלייזערישע האַנט, אַלץ געפילפולער וועל איך אים צום האַרצן צודריקן. אַך, דעמלט וועל איך פאַר אים ווערן די וועלט, די גאַנצע וועלט!

(נאָך אַ קורצן שווייגן)

אָבער דאָס אַלץ איז בלויז פאַנטאַזיע — קאַלטע מענטשן רופן דאָס אַן משוגעת. — אין אַלץ מוז זיין די וואָג פון קאַלטער איבערלייגונג. אומעטום ציען זיך אויסגעטראָטענע וועגן; גיי אָט מיט יענע קנעכטיש, אָדער וועסט פאַרבלייבן איינע אַליין, איינע אַליין אויפן ריזיקן שטח פון דער וועלט.

סצענע VI

העלענע, קאַמערהער

קאַמערהער:

(קומט אַריין, זינגענדיק און אונטערשפּרינגענדיק; האַלט אַ כאַפּ־שטייגל)

זע, העלענע! אַ־האָס איז מיר אַ כאַפּ־שטייגל — וועט כאַפּן צו צוויי פייגל פּאַראַמאָל.

העלענע:

(קושנדיק אים אין האַנט)

ליבער פאַטער, כ'וואָלט וועלן מיט דיר אַ שמועס טאָן, אויסהערן דיין עצה בנוגע דעם פאַן יאַנוש.

קאַמערהער:

גוט, מיין קינד, זייער גוט.

העלענע:

כ'ווייס אַליין נישט, וואָס איך האָב צו טאָן. כ'וואָלט וועלן אויף וויפל ס'איז מעגלעך זיך צופּאַסן צו דער וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, אָבער פון דער צווייטער זייט איז דאָרט, וו ס'גייט וועגן דעם גליק פון מיין גאַנצן לעבן...

קאַמערהער:

(אַראָפּלאָזנדיק די קלאַפּע, העלענע האָט אויפגעשוידערט פון דעם טראַסק)

זעץ! שוין אין שטייגל, ווי אַ בליץ!

העלענע:

הער מיך אויס פאַטער: איך קאָן נישט... ווי נאָר...

קאַמערהער:

באַלד, באַלד, כ'וועל נאָר אָנשטעלן די קלאַפּע; כ'קום שוין צוריק, אויף איין פוס — געשעפט איז פאַר אַלץ.

(לויפט אַרויס אונטערזינגענדיק)

העלענע:

(אַליין)

אַ, הימלען! ווי איך בין עלנט! און פאַרט קאָן איך בלויז מיט אים איינעם רעדן — ער הערט מיך לכל־הפּחות אַמאָל אויס און פאַרשטייט; ער איז מודה, אַז מיינע פאַרלאַנגען זענען גערעכטע. די שטיף־מאַמע איז זייט אַ געוויסער צייט געוואָרן אַן אמתע שטיף־מאַמע — אבי איך זאָל זיך איר נאָר וואָס שנעלער פון שטוב אַרויסטראָגן! אַך, עלנטע העלענע!

קאַמערהער:

(אַריינקומענדיק, צו העלענען)

כ'בין דאָ, כ'הער.

(צו זיך אגב־אורחא)

פול מיט שטיגליצן — אויך דאָס קאַנאַפּליגל רופט זיך אָפּ.

(צו העלענען)

אָבער וואָס טארייט עס, וואָס דו ביסט אליין? וו איז דער שקלאף פון דיינע פראכטן?

העלענע:

אך! דער קנעכט פון מיינע פראכטן!

קאמערהער:

עפּעס זייער א זויערער: אך!

העלענע:

ניין, דער סאַמע זיסטער, טייערער טאַטע.

קאמערהער:

האָסט אים נישט ליב, איז האָב נישט חתונה מיט אים און שוין. איך, דער פאָטער, איך זאָג עס דיר; טו וואָס דו ווילסט.

העלענע:

נעכטן האָסטו דאָך אָבער אנדערש געזאָגט.

קאמערהער:

אַנדערש?

העלענע:

ווען די מאמע האָט מיר פארווערט אפילו די מיזערנע דריי טעג אָפּלייגן, ווען וועלכע איך האָב געבעטן רחמים...

קאמערהער:

אמת, מיין ווייב ווינטשט זיך, דו זאָלסט חתונה האָבן מיט יאנושן.

העלענע:

איז וואָס זשע?

קאמערהער:

איז וואָס זשע?

העלענע:

וואָס זשע וועט זיין?

קאמערהער:

וואָס זשע פארלאנגסטו?

העלענע:

אַן עצה, אן עצה, טייערער פאָטער.

קאמערהער:

מיין עצה? גוט, זייער גוט; לאָמיר פרייער הערן, וואָס דו טראכסט.

העלענע:

איך טראכט, אז איך בין אלט צוואַנציק יאָר.

קאמערהער:

פאר דעם קאָן איך גאראנטירן.

העלענע:

אַז צופֿאַסנדיק זיך צו די פֿלאַכע געזעצן פֿון דער געזעלשאַפֿט, איז שוין צייט פֿאַר מיר חתונה צו האָבן.

קאַמערהער:

כ'בין פֿולשטענדיק איינשטימיק מיט דיר אין דער הינזיכט.

העלענע:

וואָס עלטער כ'וועל ווערן, אַלץ ווייניקער וועל איך האָבן פֿון וואָס אויסצוקלייבן. אַזוי רעדט צו מיר דער געמיינער, שווערער פֿאַרשטאַנד.

קאַמערהער:

איז דערום מיין עצה: האָב חתונה מיט יאַנושן.

העלענע:

אָבער פֿון דער צווייטער זייט איז חתונה האָבן נישט ליבנדיק אַ שרעקלעכע זאַך.

קאַמערהער:

אַוודאי, אַ גוטע באַמערקונג.

העלענע:

יאַנושן קאָן איך נישט ליב האָבן.

קאַמערהער:

אַפֿילו נישט קיין ביסל.

העלענע:

אַפֿילו נישט קיין ביסל?

קאַמערהער:

וואָס האָסטו קעגן אים?

העלענע:

גאָרנישט פֿאַר אים.

קאַמערהער:

פֿאָרט?

העלענע:

איך האָב אים נישט ליב, מער גאָרנישט.

קאַמערהער:

אַ מענטש אַ פֿרייליכער.

העלענע:

איבער דער מאָס.

קאַמערהער:

איבער דער מאָס?

העלענע:

יערנפאלס איז זיין פרייליעסקייט אזא פלאבע, אזא צוגעפלאטשטע, אז זי קאָן נישט אריינגיסן אין דער נשמה קיין שטראָם שטילן פארגעניגן.

קאמערהער:

האָס פארשטיי איך נישט גאָר קלאָר.

העלענע:

ער איז אָפּטע א פלאבער בלאזן.

קאמערהער:

אַ פלאַבער? נו, דערפאר אָבער קאָן ער זיין א גוטער מאַן.

העלענע:

ווי פאר וועמען.

קאמערהער:

ער האָט א שיינעם מאיאָנטעק.

העלענע:

און האָס איז עס טאַקע אלץ.

קאמערהער:

פארשטאַנד.

העלענע:

לחלוטין נישט.

קאמערהער:

ער אליין זאָגט.

העלענע:

לחלוטין נישט, פאר דעם גאראנטיר איך.

קאמערהער:

פונדעסטוועגן לאכן מיר זיך שטענדיק אָן ביז צום פלאצן. נאָר אויב ער געפעלט דיר נישט, האָב נישט חתונה מיט אים. נישטאָ וואָס צו רעדן; גיב אים דעם וועג, ראָט איך דיר.

העלענע:

אַך, וועט דאָך שטענדיק דוייערן דער גיהנום אין שטוב, ווייל די מאמע וועט זיך נישט אזוי שנעל אָפּזאָגן פון איר פלאן. דער זיידעשע וועט דיך און מיך כסדר פלאָגן.

קאמערהער:

ווייסטו וואָס, העלושע, האָב חתונה מיט יאַנוש, אזוי איז מיין עצה.

העלענע:

איך מיין, אַז צוזאַמענעסטן וועט זיין אָפּצושלעפּן אויף ווייפּל ס'איז מעגלעך. איך וועל אים קיין שום האָפענונג נישט געבן, אָבער כ'טראַכט אויך נישט אים זי צו פאַרווערן. און דערווייל, ווער ווייסט — אפשר וועט געשען עפּעס אַן אויסלייזערישע ענדערונג.

קאַמערהער:

אָט אַזוי טאַקע וועט זיין צוזאַמענעסטן. מיר וועלן אָפּשלעפּן, און שפּעטער וועלן מיר זען; אַזאַ איז מיין עצה.

סצענע VII

פאַן יאַוויאַלסקי, פאַני יאַוויאַלסקי, העלענע, קאַמערהער

(הער יאַוויאַלסקי, אַ גרויער אַלטיטשקער, אָבער אַ דויטער און רירעוודיקער, ווי אויך פאַני יאַוויאַלסקי, וועלכע גייט שטאַרק אויסגעשטרעקט און שאַרוועט אין גאַנג. — ביידע אַביסל אַלטמאָדיש אָנגעטאָן, איבערהויפּט פאַני יאַוויאַלסקי)

פאַן יאַוויאַלסקי:

(אין דער טיר צום ווייב)

אָפּגעשלעפּטע זאַכן

וועלן קיין פּליטה נישט מאַכן.

פאַני יאַוויאַלסקי:

אייער גנעדיקייט ליגן נאָך אַלץ אָפּשניצלעך אין זינען.

פאַן יאַוויאַלסקי:

אָ, ס'וועט קיין פּליטה נישט מאַכן, איך גאַראַנטיר אייער גנעדיקייט.

אויך אַן אַלטער ווערט יונג,

ווען ער טוט אַ ביסל אַ טרונק.

פאַני יאַוויאַלסקי:

וואָס אייער גנעדיקייט רעדט דאָס אַלץ אוים! גאָט, מיין הארציקער, ווי טראַכט מען עס גאָר וועגן דעם.

פאַן יאַוויאַלסקי:

אויסהייצן אַן אַלטן אויוון קומט צו גיין

דער טייוול אַליין, —

ווי עס זאָגט אַ שפּריכוואָרט...

פאַני יאַוויאַלסקי:

אוי, אָפּשניצלעך! אָפּשניצלעך!

(זיך זעצנדיק)

(נעמט אַרויס פון בײטעלע אַ זאָק, טוט אָן שפּאַקולן און נעמט אַרבעטן. — כסדר זײער אויסגעשטרעקט)

(קאַמערהער און העלענע קושן די יאָוויאַלסקיס אין די הענט)

פאַן יאָוויאַלסקי:

גוט מאָרגן, פּאַניע יאַן; וואָס מאַכסטו, הַלושע. — וואָס הערט זיך עפּעס?

העלענע:

גאָרנישט, טײַערער זײדעניו.

פאַן יאָוויאַלסקי:

גאָרנישט, האָס האָט נישט קײן אָפּגאַנג.

קאַמערהער:

מיר האָבן זיך אביסל באַײשובט.

פאַן יאָוויאַלסקי:

גײסטו זיך מיט עמעצן באַראַטן,
זע, ער זאָל דיך נישט פאַראַטן.

העלענע:

צווישן מיר און דעם פאָטער איז דערפאַר נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן.

פאַן יאָוויאַלסקי:

אוודאי, אוודאי, אָבער דאָס שפּריכוואָרט איז א גוטס. און וועגן וואָס איז געווען דאָס באַראָטן זיך?

קאַמערהער:

וועגן דעם, צי זי דאַרף חתונה האָבן פאַר יאַנושן, צי נישט חתונה האָבן.

פאַן יאָוויאַלסקי:

ביי וואָס זשע איז דאָס געבליבן? ווײַל:
יעדע זאַך
לויט איר סוף באַקומט איר שבח.

קאַמערהער:

משמעות, אז נאָך ביי גאָרנישט, אמת?

העלענע:

ביי גאָרנישט.

קאַמערהער:

זי קען נאָך נישט געװױנ, לויט זי זאָגט, איר פאַרערע־.

פאַן יאָוויאַלסקי:

ווײסט אויפעסן א פּעסל זאַלץ,
אײדער גוט דערקענען זיך אויף אַלץ.

העלענע:

דערפאר מאַכט וואקל איך זיך נאָך, און האָב געבעטן דריי טעג אויף צו באַדענקען זיך; און אויב דער געדיקער זיידעניו וועט זיין גינציק, וועט ער מיר דערלויבן נאָך א וואָך.

פאַן יאַוויאַלסקי:

איך האָב געהאַנדלט קעגן דעם, אָבער צו לאַנג פארשלעפּ נישט, מיין פּאַני, ווייל:

צייט באַגליקט,
צייט דערשטיקט.

העלענע:

דאָס ווייס איך גוט.

פאַן יאַוויאַלסקי:

און אויב דו שטעלסט אויס דערויף, אז ס'קאָן זיך מאכן א בעסערער — איז עס נישט קיין זיכערע זאך.

ס'איז א שפּערל אין דער דלאָניע מערער ווערט,
איידער א קאַנאַריק אין דער לופט דער פרייער.

העלענע:

אינגאַנצן זאָג איך מאַכט נישט אָפּ דעם הער יאַנוש — איך בעט בלויז אָפּצולייגן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

ווי פון איבערקלייבן קומט טיילמאָל ארויס א צרה, לערנט אונדז א קלײנער משל וועגן אן אייזל — איר קענט אים?

אַלע:

מיר קענען.

פאַן יאַוויאַלסקי:

איז הערט זשע:

מע האָט אן אייזל עסן צוגעטראָגן
אין זשלויבן צוויי —
אין איין זשלויב האָבער, און אין צווייטן — היי.
עס שמעקט דאָס היי, דער האָבער רייצט דעם מאָגן —
ער טוט צו דעם און באַלד צו דעם קאָפּ א דריי:
עס שטייט אים פאַר אזא געשמאַקער בּיסן!
פון וועלכן זאָל ער אָנהייבן געניסן?
א כאַפּ זיך צו דעם היי — דער האָבער איז א שאָד,
א כאַפּ זיך צו דעם האָבער — גלוסט דאָס היי זיך גראָד.
אזוש ביז באַגין איז ער אזוי געשטאַנען.

דערנאָך ביז נאַכט: פון וועלכן זשלויב? פון וואַנען?
ביז ענדלעך איז ער צווישן דעם געגאָד
פון שפּיין, וואָס מיטן מויל נאָר צו דערלאַנגען,
פון הונגער אויסגעגאַנגען.

(פאַני יאָוויאַלסקי האָט, אַראָפּנעמענדיק די שפּאַקולן, געהערט מיט גרויס אויפ־מערקזאַמקייט, ווי ביי יעדן משל — און זי לאַכט תּמיד שטאַרק, אָבער שטיל)

פאַני יאָוויאַלסקי:
אָ, אייער גענעדיקייט!... ווי מע מוז זיך עס תּמיד אָנלאַכן. אַך, פאָטער אין הימל!
(אָנטועדיק די שפּאַקולן)
אָפּשניצלער! אָפּשניצלער!
(דער פרוי יאָוויאַלסקיס אויסרופן און שבחים רייסן כמעט נישט איבער דעם שמועס)

העלענע:
פונדעסטוועגן, האַרציקער, גנעדיקער זיידעניו, איז בעסער אינגאַנצן נישט צו האָבן קיין מאַן, איידער צו האָבן אַ שלעכטן.

פאַן יאָוויאַלסקי:
דאָס איז נישט קיין דערוווּנדערנע זאַך. —
בעסער אַ רוימשוועמל צום טיש,
איידער גאָרנישט מיט נישט.

העלענע:
כ'וואָלט נישט וועלן באַליידיקן די מוטער, אָבער אויך מיין רו און מיין גליק גייען מיר נישט ווייניק אָן.

פאַן יאָוויאַלסקי:
צ ווי ש ן ה אַ מ ע ר א ו ן ק אָ וו אַ ד ל ע.

העלענע:
אפשר וועט אויך די מוטער...

פאַן יאָוויאַלסקי:
(פאַרענדיקנדיק דעם געדאַנק)
נישט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט. — אָ, יאָ!
וואָס מער דער קאָטער ווערט אין יאָרן רייפער,
אַלץ מערער איז זיין ווידל שטייפער.

העלענע:
(קושנדיק אים אין האַנט)
קאָן איך הייסט עס האָבן די האָפענונג, אַז דער האַרציקער, גנעדיקער זיידעניו וועט מיך שיצן קעגן דעם אומגערוילדיקן צושטיין פונעם פאַן יאַנוש?

סצענע VIII

פאַן יאַוויאַלסקי, פאַני יאַוויאַלסקי, קאַמערהער, הערענע, קאַמערדאַמע.

קאַמערדאַמע:

(פאַרהאַלטנדיק זיך אין דער טיר)

אַ, דאָס וועט זיין צום בעסטן, אז אייער גנעדיקייט וועט זיך צוהערן צו דער גאַנצע הערענע, וועלן מיר גוט אויסזען. — א זאַכלעך גליקלעך לעבן אין א שטילער היים ביי דער זייט פון א נאָבעלן, פראַקטישן מאַן איז ווייניק פאַר דער גנעדיקער פאַני, וועלכע שוועבט אין די הימלען, ווען מען דאַרף גיין אויף דער ערד. — שיצן קעגן דעם הער יאַנוש? Vous figuree-vous?*

דאַנקען דאַנקען, דאַנקען גאָט, וואָס ער וויל דיך נעמען. ווייל וואָס קאָן מען אים פאָרוואַרפן? אַ יונגער, א פיינער, האָט א דאַרף מיט דריי פאָלוואַרקן?

פאַן יאַוויאַלסקי:

(וועלכער האָט זיך עטלעכע מאָל באַמיט צו קומען צום וואָרט)

אָבער, פאַני שנור, הערט נאָר:

א קלוגן יונג

געגינט א ווונק.

קאַמערהאַמע:

(צום מאַן)

און הו, די אַנשמאָט צו זאָגן דער טאָכטער דעם אמת, אַנשמאָט פאָרצו-שטעלן די זאַך, ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט, באַמקעסטו בלויז צו צו אַלץ, — C'est mal**

קאַמערהער:

באַשע מיינע, זייער גנעדיקייט איז האַך געווען אן עדות...

קאַמערהאַמע:

אַ, איך ווייס, וואָס דאָ דרייט זיך, איך ווייס זייער גוט...

פאַן יאַוויאַלסקי:

צי קאָן איך גישט...

קאַמערהאַמע:

אָבי נאָר איך זאָל א זאָג טאָן „ווייס“, וועט דאָס גאַנצע הויז שרייען, ווי קראָען:

(נאָכמאַכנדיק)

שוואַרץ! שוואַרץ!

---

* צי שטעלט איר זיך פאָר?

** דאָס איז שלעכט.

פאַן יאָוויאַלסקי:

(נעמענדיק דעם זון און די שנור פאַר די הענט)

דערלויבט, איין וואָרט, עטלעכע שורהלעך:

אגומלט האָט א מאַן געבראַכט דעם ווייב א שלאָס צו טראָגן.

— א שלאָס! וואָס טויג ער מיר, מיין ליבער, אפשר וועסטו זאָגן?

— באַנוץ אים, ווי דו וועסט אליין עס איינגעפינען.

און איך וועל אלעמאָל דערויף פארדינען.

פאַני יאָוויאַלסקי:

מיין זיסער גאָט אין הימל! וואָס זיין גנעדיקייט רעדט עס אלץ נישט אויס!

קאַמער־דאַמע:

גוט. פיין, כ'פארשטיי — א שלאָס פאַר מיר — Cést bien *

(צום מאַן)

און דו פארטראַגסט עס, מע זאָל מיך אזוי ווייט בלאמירן — אָבער ס'איז ארויסגעוואָרפענע מי, איר וועט מיר נישט פארמאכן דאָס מויל אפילו מיט צען שלעסער.

(צום מאַן)

אייער גנעדיקייט איז א פאַנטאַפּלניק.

(צו יאָוויאַלסקין)

און אייער גנעדיקייט גייט נאָר אין דער געלעגנהייט ארייננצושטעלן אייערע שפּריכווערטער, וועלכע שטעקן מיר שוין, ווי א דאָרן אין האלדז...

פאַן יאָוויאַלסקי:

ווי א ב ײ נ ד ל א י ן ה א ל ד ז, זאָגט קנאַפּיוש.** נישט ווי א דאָרן.

העלענע:

איך בעט נאָר מיין מוטער, זי זאָל נישט אזוי גרינגשעצן מיין גליק.

פאַן יאַנוש איז א יונגער — אמת -- אָבער יונגקייט איז נישט קיין גאַראַנטיע פארן גליק פון דער פרוי.

פאַן יאָוויאַלסקי:

אַן אלטער, אָבער מיט א ברעז

א צוציק אָפּטמאָל איבערשטייגן קען.

העלענע:

אַ פיינער? דאָס ווענדט זיך אין גוסט.

פאַן יאָוויאַלסקי:

De gustibus non disputandum***

---

* דאָס איז גוט.

** אַן אויטאָר פון אַ זאַמלונג פּוילישע רעדנסאַרטן.

*** דאָס אונטערליגט נישט קיין דיסקוסיע.

העלענע:

ער האָט א מאַיאָנטעק? — איך לייקן עס נישט. אָבער מיר גייט נישט אָן קיין געלד; איך קאָן שעצן נאָר ריינע ליבע, וואָס איז נישט קיין פּועל־יוצא פון קאַלטער אויסרעכענונג.

פאַן יאָוויאַלסקי:

ליבע אָן געלט
איז א טייער אין אן אָרעמער וועלט.

קאָמערהאָמע:

אָט האָט אייער גנעדיקייט געזאָגט א גוט וואָרט. *Tres bien

פאַן יאָוויאַלסקי:

האָסטו צוגעטראָפן, ווי איך מיין,
איז דיין מיינונג וווּל און שיין.

העלענע:

איבעריקנס, איך שטעל זיך נישט אנטקעגן — אָבער צו וואָס אזוי איילן?

פאַן יאָוויאַלסקי:

אז מע לויפט גאַלאָפּ,
צעברעכט מען דעם קאָפּ.

קאָמערהאָמע:

איילן, פאַנגע מייגע? וויפל זשע נאָך חדשים, וויפל יאָר נאָך דארף זיפצן ביי די פיס פון דער האָכפּישער דולצינעע א פארשטענדיקער מענטש, וואָס האָט שוין א וועלט געזען...

פאַן יאָוויאַלסקי:

ס'האָט יאַנעק אין הויף שוין פארבראכט,
ער ווייסט, ווי א פייער מע מאַכט.

העלענע:

אָבער, ליבע מוטער, דאָס איז דאָך אן ערנסטער שריט; ס'איז לייכט צו זאָגן דאָס וואָרט, אָבער וואָס שפּעטער?

פאַן יאָוויאַלסקי:

רעדסט ריכטיק, העלושע. —
דאָס וואָרט פליט פון מויל, ווי א שפּערעלע קליין,
און צריק, ווי שור־הבר, קומט עס צו גיין, —
ווי עס לערנט דאָס שפּריכוואָרט.

---

* זייער גוט.

קאַמערהאַמע:

ביים גרעסטן געדולד איז אוממעגלעך איבערצוטראָגן און מע וועט דאָ מוזן ענדיקן מיט משוגעת.

(צום מאַן)

רופט זשע זיך פאָרט אָפּ, אייער גנעדיקייט, מיט א וואָרט — וואָס שטייט איר?

פאַן יאָוויאַלסקי:

ווי בעט אַ דייטשישן פּריידיק*, ווי עס זאָגט:

קאַמערדאַמע:

לאָזט מיך שוין, אייער גנעדיקייט, צורו מיט אָט די שפּריכווערטער אָן אַ סוף.

פאַן יאָוויאַלסקי:

(דערפרייט)

אמת, אז איך קען זיי אָן א סוף?

קאַמערדאַמע:

באמת, מע דאַרף גלייבן, אז דער הער גאָט האָט אראָפּגעלאָזט עפּעס אַ שגעון אויף דער גאַנצער פאַמיליע יאָוויאַלסקי.

פאַני יאָוויאַלסקי:

אָהאָ! פאַני שנור.

קאַמערהאַמע:

סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע, סיי דער זון, סיי דאָס אייניקל האָבן גישט פאַר קיין גראָשן פאַרשטאַנד. — ווייל איך האָב ליב צו זאָגן דעם אמת, פאַמעלעך, העפלעך און אויסדריקלעך: פאַר קיין גראָשן, פאַר קיין גראָשן פאַרשטאַנד.

פאַן יאָוויאַלסקי:

איך וועל אייך דערציילן א משל'ע...

קאַמערהאַמע:

(אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט)

און איך וועל זאָגן א שפּריכוואָרט: פּ א ר ז י י ג י ש ט ק י י ן... איר ווייסט וואָס? — ז י י ו ו ע ל ן א י פ ג י י ן פ ו ן ז י ך א ל י י ן.

(גייט אָפּ)

---

* ווי אויף אַ דייטשישן פּריידיקט — ד. ה. גאַרנישט באַנעמענדיק, ווי די פּאַ־ליאַקן, וועלכע פלעגן אויסהערן די פּריידיקטן, וואָס ס'פלעגן געהאַלטן ווערן אינעם טעמפּלאַלטער אין די פּוילישע שטעט אָפטער אויף דייטש פאַר די דייטשישע קאָלאָניסטן.

סצענע IX

פאַן יאַוויאַלסקי, פאַני יאַוויאַלסקי, העלענע, קאַמערהער.

פאַן יאַוויאַלסקי:

(נאָכשרײַענדיק דער קאַמער־דאַמע)

אַוראַי ווײַס איך דעם אַדאַגיום* פון קנאַפּיוש:

פאַרזײַ נישט קיין נאַראָנים,

זיי וועלן אויפֿגיין אַלײן על כל פנים.

פאַני יאַוויאַלסקי:

(אַראָפּנעמענדיק די שפּאַקולן)

אָ, אָ, וואָס זי רעדט עס! — אַלע זענען מיר בלומרשט נאַראָנים — איך בעט אײַער גנעדיקייט! וואָס פאַר א שלעכטע פרוי דאָס איז! אַלע! — המם! — איך, ווי איך. — אונדזער זון דער פאַן — נו, נישטאָ וואָס צו רעדן; אָבער העלושע און זײַן גנעדיקייט! און זײַן גנעדיקייט! וואָס פאַר א הפקרדיקע צונג!

פאַן יאַוויאַלסקי:

און תמיד: פּאַוואָליע, אָבער לויטן אײגענעם ווילן.

איך האָב געהאַט פונקט אַזאַ שלאַפּאַק** — ער האָט זיך גאַטערעוועט און אויסגעטראָגן דעם רײַטער, אָבער תמיד פּאַמעלעך, תמיד פּאַמעלעך, פוס בײַ פוס.

קאַמערהער:

באַשע איז אױסהעפלעך.

פאַן יאַוויאַלסקי:

עס איז אין כעס אויפן יאַריד די פויערטע, און —

דער יאַריד ווייסט נישט דערפֿון***!

---

* אַדאַגיום (לאַטײן) — שפּריכוואָרט.

** שלאַפּאַק — א פערד, וואָס גייט מיט א פּאַמעלעכן טראָט.

*** ס'מיינט צו זאָגן, אַז דער קאַמערהער טרעט אַרויס מיט אַ פירהאַלט קעגן דער פרוי דעמלט, ווען זי הערט אים נישט. דער קאַמערהער האָט פאַרשטאַנען, אַז „עס איז אין כעס... די פויערטע" (מיינט די קאַמערדאַמע). — אַן ענלעכע סיטואַציע איז אין אַ ווײַל אַרום: דער פּיקהאַלץ פון יאַוויאַלסקיס שפּריכוואָרט איז ווידער זײַן זון, וועלכער „מאַכט אַ תל פון דער נאָז", פלײַסנדיק זיך צו פאַרשטיין, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך — דער קאַמערהער נעמט ווידער אָן, אַז דאָס באַלאַנגט זײַן פרוי, און גיט צו מיט אַ זיפץ: „זי פּיקט! זי פּיקט!"

994 - 3

קאָמערהער:

איך ווייס אביסל.

פאַן יאַוויאַלסקי:

דער פּיקהעלץ פּיקט דעם בוים און — וואָס?
און מאַכט א תּל זיך פון דער נאָז.*

קאָמערהער:

(מיט אַ זיפץ)
זי פּיקט! זי פּיקט!

פאַן יאַוויאַלסקי:

זי איז קלוגער פון דער גאַנצער וועלט. — ס'איז יענער א שוטה, ווער עס זעט נישט די זאַכן ווי זי. א שאָד, וואָס זי וועט נישט הערן דאָס משלע וועגן א סאָווע, וואָס איך וועל אייך באַלד זאָגן; אָבער איך וועל עס איר נאָך היינט איבערחזרן. — איר קענט אוודאי נישט אָט דאָס משלע? —

העלענע און קאָמערהער:

מיר קענען.

פאַן יאַוויאַלסקי:

איז הערט זשע:

— יעדער פויגל איז א טיפּש, איז א זאַלין! —
האָט געזאָגט א סאָווע שטאָלץ.
האָבן פייגל אָפּגעצויגן,
טיף אין וואַלד אוועקגעפלויגן:
אויך א פויגל האָט זיין האָנאָר. נאָר
ס'טוט א פייף, א שפּרונג איר אין די אויגן
דרייסט אַן אַלטער שטאָר,
און ער פרעגט זי מיט א בליציק אייגל:
— האַריגטע, פאַר וועלכן זינדלט איר עס אַלע פייגל?
— ווייל איר זענט בלינד.
— מיר דאָס זענען בלינד?
זאָג מיר נאָר געשווינד —
ווער זעט בעסער?
—איך. מע קאָן האָר עס פאַרשטיין דערפון —
כ'זע ביינאַכט, ווען ס'איז נישטאָ די זון. —
דאָ האָט אים דער שטאָר א שניט געטאָן, ווי מיט אַ מעסער:
— זען פון אַנדערע קאַפּויער הייסט נישט — בעסער,
און צו לויבן זיך דערמיט,
ליבע סאָווע, שיקט זיך ניט.

אפּשר ביסטו קלוג — איך וויל זיך גאָרנישט שפּאַרן.
נאָר דיין חכמה איז אין פינצטערניש פארשטעקט,
און עס זאָגן לייט, און קיינעם וועסטו נישט נענארן —
יעדע סאָווע איז א טיפּש, ווען דער טאָג זיך נאָר אנטפּלעקט.

פאַני יאָוויאַלסקי:
אוי, גאָט אין הימל! וואָס זיין גנעדיקייט טראכט אלץ נישט אויס.
(אָנטוענדיק די שפּאַקולן)
אָפּשניצלער! אָפּשניצלער!

קאַמערהער:
איך האָב ביי איר קיין שום ווערט נישט, — זי רעגירט מיט אַלץ.

פאַן יאָוויאַלסקי:
ווו עס באַלעבאַטעוועט דער עק,
פארלירט דער קאָפּ דעם וועג.

קאַמערהער:
זאָגט, אז איך און א בעזעם זענען מיר ביידע הויזגערעט.

פאַן יאָוויאַלסקי:
אז אָך און וויי צו יענעם הויז,
אוו דעם אָקס די קו גאָר שטויסט, —
לערנט אן אַלט שפּריכוואָרט.

העלענע:
הייסט עס, טייערער זיידעניו, איך האָב דיין הבטחה, אז מע וועט מיך נישט אומטערזאיילן?

פאַן יאָוויאַלסקי:
ק ו ר ץ א ו ן ב י נ ד י ק: דו ווילסט נישט יאנושן?

העלענע:
דאָס האָב איך נישט געזאָגט.

פאַן יאָוויאַלסקי:
אָבער העלושע מיינע, א שפּריכוואָרט זאָגט:
ווער איילִיק זאָגט אָפּ,
גיט א האַלבע גאָב.

קאַמערהער:
אמת, איך זאָג אויך אזוי.

העלענע:

איז עס דען אין מיין יכולת? בין איך דען אָפּהענגיק בלויז פון זיך אליין?

קאַמערהער:

זאָגסט ריכטיק, העלושע, פון דיר, נישט פון זיך, ווי עס זאָגט א שפּריכוואָרט.

פאַן יאָוויאַלסקי:

וואָס פאַר א שפּריכוואָרט? ווו האָסטו עס געלייענט?

קאַמערהער:

ס'איז מיר יאַקאָש פונעם צונג אַראָפּ.

פאַן יאָוויאַלסקי:

וואָס בעלעבעשעט זיין גנעדיקייט — מע זאָגט:

עס פּלוידערט דער יונג,

וואָס ס'קומט אים אויפן צונג;

אָבער נישט: יאַקאָש פונעם צונג אַראָפּ. און וואָס האָט זיין גנעדיקייט צו טראַכטן וועגן שפּריכווערטער! האָ, האָ! ווי זאָגט מען עס: „א קוכטע צו דער פּאַטינע*

(צו העלענען)

און דו נישט אהין און נישט אהער. אוי, מיידעלעך, מיידלעך! איך אלע האָט מען מיט שטאָרן=פּלייש געקאָרמעט**. כ'וויל, כ'וויל נישט — און דו ליבענקער שטיי אויפן רימענדל: וועט זיך מאַכן עפּעם א שטאַלטנערער פּראַנט, מיט א לעקעלע אויפן שטערן, מיט אַ פּארקרייזלט וואָנסעלע, מיט געשליפענע נעגעלעך — איז אַריין אין דער בודע, דו, וואָס אויפן רימענדל! — נאָר אויב קיין בעסערס וועט זיך נישט טרעפן, איז קום צו דער חופּה. —

אז מע קאָן קיין חלה נישט קריגן,

טוט מען מיט ברויט זיך באַגניגן.

פאַני יאָוויאַלסקי:

אָפּשניצלער! אָפּשניצלער!

---

* פּאַטינע — אַ גאָלדענער טעלער, אויף וועלכן ס'ליגט די האָסטיע, בעת מע פּראַוועט די הייליקע מעסע; דאָס שפּריכוואָרט מיינט: ער פּאַסט זיך, ווי אַ קעכין צו דער פּאַטינע.

** מיט שטאָרנפּלייש געקאָרמעט — כיטרע; דער שטאָר צייכנט זיך אויס מיט חכמה, פאַרשטאַנד און כיטרעקייט.

פאַן יאַוויאַלסקי:

איבעריקנס, טוט, ווי אייך געפעלט.
ווי דו בעטסט זיך אויס,
אזוי קומט דיין שלאָף ארויס!

אָבער יאַנוש איז א פרייליכער, איך האָב ליב יאַנושן; מיט אים פארווייל איך זיך און לאַך, און לאַכן איז זייער געזונט. — אָבער ס'זענען איבעריק די רייד. — איטלעכער האָט זיך זיינע חסרונות, מעלות, אָנשוויונג — מיט איין וואָרט: י ע ד ע ר ד ו ד ל - פ ו י ג ל ה א ָ ט ז י ך ז י י ן ט ש ו ב.

סצענע X

פאַן יאַוויאַלסקי, פאַני יאַוויאַלסקי, העלענע, קאַמערהער, יאַנוש, הינטער אים דער לאַקיי.

אַלע:

(צו יאַנושן, וועלכער קומט אריין אין א טערקישן קאפטן)

און וואָס איז דאָס?

יאַנוש:

האָט די פאַני קאַמערדאַמע נאָרנישט געזאָגט?

קאַמערהער:

איי, האָט זי גישט געזאָגט!

פאַן יאַוויאַלסקי:

זי רעדט אפילו פון שלאָף ארוים.

קאַמערהער:

(לאַכנדיק)

איך זע שוין, אז מע דארף פון עפּעס לאַכן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

וואָס זשע באַטייט אָט דאָס איבערטועכץ? אונדזערע טעאַטראַלע קאָסטיומען — צי וועט איר שפּילן היינט א קאָמעדיע? אָן מיר?

יאַנוש:

ווירקלעך, מיר וועלן אלע צוזאַמען שפּילן און האַלטן זיך פאַר די זייטן פון געלעכטער.

קאַמערהער:

(לאַכנדיק הויך)

כ'האָב דאָך געזאָגט!

יאַנוש:

כ'האָב אויף שנעל צוגעגרייט אַן אַרצי־פּריילעך קאָמעדיעלע.

קאָמענטאַר:

נו רעד שוין, איך בין אומגעדולדיק.

פאַן יאַוויאַלסקי:

געדולד און פאַרשטאַנד
גייען האַנט ביי האַנט, — זאָגט אַ שפּריכוואָרט.

יאַנוש:

כ'האָב מיך אומגעקערט פון שפּאַציר דורכן גאָרטן מיט דער פאַני קאַמער־דאַמע, און דאָ — דערזע איך: ס'ליגט הינטערן בוים עפּעס אַ פּויערל אָדער אַ וואַנדערער; איז מיר גלייך איינגעפאַלן אָפּצוטאָן אים עפּעס אַ שפּיצל.

העלענע:

לויט מיין מיינונג וואָלט צומרייכטיקסטן געווען אויפצוועקן אים און מיט עפּעס העלפן: אפשר איז ער הונגעריק, דורשטיק, דער אָרעמער מענטש האָט אין שלאָף געזוכט רו פאַר ווייטערדיקער מי.

יאַנוש:

ער איז כּלל נישט געווען דורשטיק, ווייל דערלעבן איז אין אַ קוסט געלעגן אַ ליידיק פלעשל.

פאַן יאַוויאַלסקי:

Corpus delicti *

קאָמענטאַר:

Hic, haec, hoc **

פאַן יאַוויאַלסקי:

און דאָס וואָס איז?

קאָמענטאַר:

אויף לאַטיין.

(יאַוויאַלסקי קוועטשט מיט די פּלייצעס)

יאַנוש:

און טאַקע אָט דאָס פלעשל האָט מיך אַרויסגעפירט אויף דעם אַרצי־גליק־לעכסטן געדאַנק: הייסן אים אַריבערטראָגן און איבערטאָן אין טערקישע קליידער — וואָס ס'האָט זיך אויפן בעסטן אופן איינגעגעבן — ער שלאָפט ווי אַ געהרגעטער.

קאָמענטאַר:

אויסגעצייכנט! און וואָס ווייטער?

---

* קאָרפּוס דעליקטי (לאַט.) — דער קעגנשטאַנד, וואָס באַווייזט דאָס פאַרברעכן.
** דער, די, דאָס (לאַט.).

יאנוש:

אויך מיר אַלע וועלן זיך איבערהמאַן און אים איינרעדן, אַז ער איז אַ סולטאַן אָדער אַ פּאַשאַ פון עפּעס אַן אומבאַקאַנט לאַנד. — איצט בעט איך אייך זיך פאָרשטעלן זיין פאַרווונדערונג, ווען ער וועט זיך אויפכאַפּן.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

אַ שפּאַס, וואָס קלוג פאַרקלערט,
אַ רענדל גאָלד איז ווערט.

קאַמערהער:

וואָס זשע וועל איך זיין?

יאנוש:

פריער לאָמיר זיך איבערטאָן, דערנאָך וועלן מיר פאַנאַנדערטיילן די אַמטן. — די דאַמען וועלן באַווייזן אָנטיילצונעמען אין דער דאָזיקער אַרצי־שאַרפזיניקער פאַרווײַלונג.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

אַ, ס'זענען איבעריק די רייד. — אַלע.
(צום לאַקיי)
גיב אהער דעם קאַפּטן.
(טוט זיך אָן)

פּאַני יאַוויאַלסקי:

וואָס זיין גנעדיקייט אַרבעט אַליין נישט איבער! זיסער גאָט מיינער אין הימל.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

גו, פּאַני יאַוויאַלסקי, אַריין אין די שאַראַוואַרעס.*

פּאַני יאַוויאַלסקי:

פע, פע, פּאַניע יאַוויאַלסקי! איר הייבט אָן ווערן לייכטזיניק. — דערמאָנט אומאָנשטענדיקע זאַכן.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

אָבער איר גנעדיקייט מוז דאָך ווערן אַ טערקין.

פּאַני יאַוויאַלסקי:

(זיך איבערצײַלעמענדיק)
אַך, גאָט אין הימל!

פּאַן יאַוויאַלסקי:

זי מוז ווערן אַ טערקין, ס'וועט גאָרנישט העלפן.

---

* ברייטע הויזן.

פאַני יאַוויאַלסקי:

פאַניע יאַוויאַלסקי, הערט שוין אויף מיט די דאַזיקע שטיפערייען.

פאַן יאַוויאַלסקי:

(בעטנדיק)

מאַלגאָשע מיינע.

פאַני יאַוויאַלסקי:

יוזיעקל מיינער, שטייט נישט צו.

פאַן יאַוויאַלסקי:

נעם זיך צון איר, ווי עס באַגערט זיך,

כאָטש זי וועהרט זיך, — איר גנעדיקייט האָט פאַרגעסן מיין שפּריכוואָרט?

פאַני יאַוויאַלסקי:

אוי שטיפער, שטיפער!

פאַן יאַוויאַלסקי:

איר וועט זיין א סולטאַנשע?

פאַני יאַוויאַלסקי:

גאָט באַהיט.

פאַן יאַוויאַלסקי:

בלויז אויף היינט.

פאַני יאַוויאַלסקי:

אפילו נישט אויף קיין שעה.

פאַן יאַוויאַלסקי:

(קושנדיק זי)

מאַלגאָשע, ווי איר האָט מיך ליב.

פאַני יאַוויאַלסקי:

יוזיעטשקע, יוזיעטשקע, איר מיסברויכט מיט מיין ליבע. קום העלושע, לאָמיר זיך איבערטאָן.

יאַנוש:

(צו העלענען)

אויך איר באַוויליקט...

העלענע:

איך זע, איך זע, אז איך מוז.

קאַמערהער:

גוט, זייער גוט, העלושע. מע דאַרף שטענדיק טאָן ווי אַלע.

פאַן יאַוויאַלסקי:

ביסטו צווישן קראָען — קראַקע,

ווי א זייעריקער טאַקע; — און די פאַני יאַגאָווע?

יאנוש:

זי האָט צוגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין אונדזער פּאַרוויילונג.

פאַן יאָוויאַלסקי:

פאַני יאָוויאַלסקי, פאַני יאַנאָווע און העלושע — אַלע וועלן זיך צון אים צופּוצן.

פאַני יאָוויאַלסקי:

וואָס זיין גנעדיקייט האַלט אין איין אויסטראַכטן, איך בין שוין אַלט.

פאַן יאָוויאַלסקי:

אָ, דעם מערק אינטערעסירט עס גישט!

העלענע:

מען קאָן גישט וויסן, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז.

יאַנוש:

מיר וועלן דאָך זיין אַלע בייגאַנד.

פאַן יאָוויאַלסקי:

אַז פאַן יאַנוש אַליין וויל און בעט...

יאַנוש:

איך אַליין וויל און בעט, ווייל דאָס וועט פאַרגרעסערן די קאָמישקייט פון מיין המצאה.

פאַן יאָוויאַלסקי:

האָסט גישט וואָס זיך איבערצוליגן, מו, ווי דיין פאַריער פאַרלאַנגט.

קאַמערהער

לאָמיר גיין אים אויפוועקן.

יאַנוש:

נישט געאיילט! זאָלן זיך פריער די פּאַנים איבערטון, און דערנאָך וועלן מיר אים אהער אַריבערטראָגן און שווייגנדיק וואַרטן, ביז ער וועט זיך אַליין אויפכאַפּן.

קאַמערהער

ביז ער וועט זיך אויפכאַפּן א סולטאַן.

יאַנוש:

קומט, קומט.

העלענע:

אך, קומט!

צווייטער אַקט

סצענע I

פאַן יאַוויאַלסקי, יאַנוש, קאַמערהער (רעכטס אין דער ריי). פאַני יאַוויאַלסקי, קאַמערדאַמע (זיצן לינקס). העלענע (הינטער זיי ביי אַ טישל מיט אַ ביכל אין האַנט). לודמיר (אין מיטן ליגט גאַרדיק אויף אַ קאַנאַפּע און שלאָפט. אַלע אין טערקישע קאַפּטנס. אַ שטיקל צייט איז שטיל — זיי רעדן אויפן ווינק, ברענגען אין אָרדענונג די קליידער).

לודמיר:

(גענעצט הויך און זיך אויסציענדיק)

האָב איך אריינגעכאַפּט א פאָרּ, אזשע ס'בייסט מיר אין דער נאָז — כ'קאָן די אויגן נישט עפענען — ס'מו'שוין זיין העט נאָך האלבן טאָג.

(גענעצט)

א האָרבעריק, ווי ס'דאַרף צו זיין, נישטאָ וואָס צו זאָגן, כ'האָ'גוט פאַרבראַכט דעם טאָג. — כ'האָ זיך גוט אָנגעזשליאָקעט, בא, פאַר דריי מאָן איז עס נישט קיין סך: — צוויי קוואָרט בראָנפן,

(אַלעמענס פאַרוווּנדערונג וואַקסט)

אַ טאָפּ מעד, צוויי טעפּ ביר און מער גאָרנישט... באַ, וואָס אן אמת, נאָך אַ קוואָרט בראָנפן אויף האָניק מיט פעפער.

(גענעצט)

פאַן יאַוויאַלסקי:

(אפּארט)

זאָל אים גאָט האלטן אונטער זיין שוץ!

לודמיר:

גזשעסיעק! יאשעק! נו, וואָס? איר שלאָפט נאָך, פוילאַקעס!

(דאָ כאַפּט ער אַ קוק אין דער זייט, און, דערזען די אַנוועזנדיקע, זעצט זיך

אויף. אַלע שטייען אויף און פאַרנייגן זיך טיף. לודמיר רייבט זיך די אויגן, זיך אויפשטעלנדיק, און קוקט אַרום און אויף זיך)

— איך שלאָף דאָך נישט, כ׳קוק דאָך מיט די אויגן.

(אַראָפּנעמענדיק דעם טורבאַן)

מיינע וווילגעבוירענע, הערשאַפט... צי איך, צי איר, הערשאַפט?... אָ, זאָל מיך א דונער טרעפן... איך פאַרשטיי דאָך נישט, וואָס דאָ טוט זיך.

(אַ כסדרדיק, נאָר אויסבאַהאַלטן געלעכטער פון די מענער, צייטנווייז אויך פון די פרויען אין פארלויף פון דער סצענע)

מענער:

(פאַרנייגנדיק זיך)

ליכטיקסטער האר!

לודמיר:

די הערשאַפט מאכט חוזק פון מיר.

יאַנוש:

מיר זענען דיינע אונטערטעניקע דינער און פויסבענקעלעך.

קאַמערהער:

אונטערטעניקסטע פויסבענקעלעך, ער רעדט גוט דער פאַן...

פאַן יאַוויאַלסקי:

ש-ש!... וואָס באַוויליקט צו באַפעלן דער ליכטיקסטער האר?

לודמיר:

גאָט איז מיט אייך, איך בין נישט קיין האר.

יאַנוש:

ס׳האָט אוודאי א בייזער חלום צעחושט אייער סולטאַנישע מאַיעסטעט.

לודמיר:

איך בעט אייך איבער, מיר האָט זיך קיין שום בייזער חלום נישט געחלומט, נאָר — מיט רעספּעקט צו מעלדן, א סך איילוזען — א גאַנצע סטאַדע — און איינער פון די ווייצלער איז אויף מיר ארויפגעשפּרונגען, און איך האָב אים מיט א שטעקן אָפּגעמאָסטן — און מער גאָרנישט.

(העלענע לאַכט)

פאַן יאַוויאַלסקי:

א חלום פאַרגייט

גאָטס ווילן באַשטייט, — ליכטיקסטער האַר.

לודמיר:

אָבער כ׳בין נישט קיין שום האר, איך בעט אייערע גנעדיקייטן פאַנעס און פאַניס. איך בין איגנאַץ קורעק, דער שוסטער. כ׳בין זיך געווען אין לעמבערג אויף דער לער, ביי א מייַנסטער... בא, נישט ביי א מייַנסטער,

ווייל ער איז געשטאָרבן, נאָר אויף דער לער ביי א מייסטראָווע אויף האָראָ־
שטשיזנע, נומער הונדערט איינס און דריי, לעבן דער שענק פונעם פאַן
מיקאָליי.

(צו דער אַלטער יאָוויאַלסקי)

דאָס מאַדאַמעלע ווייסט?

פאַני יאָוויאַלסקי:

(איבערגעשראָקן)

וואָס? וואָס?

(איבערגייענדיק צום מאַן)

פאַניע יאָוויאַלסקי...

פאַן יאָוויאַלסקי:

שטילער זשע!

יאַנוש:

דאָס אַלץ איז א חלום, ליבטיקסטער האַר.

לודמיר:

און איצט האָב איך געוואַנדערט אויף ווייטע וועגן, קיין אונגאַרן. — און
מיין פאַשפאָרט האָב איך באַהאַלטן אין טלומיק, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, —
און ווי איך דערמאָן זיך עס איצט, בין איך געווען עראַגעץ, העי אין א גאָרטן,
און צווישן קוסטעס אוועקגעלייגט מיין טלומיק.

(צו דער קאַמער־דאַמע)

דאָס מאַדאַמעלע האָט נישט געזען?

קאַמערדאַמע:

כ'האָב נישט געזען *Rien du tout

פאַן יאָוויאַלסקי:

ליבטויקסטער האַר, דערלויבט, איך זאָל דערציילן א משל.

לודמיר:

דערציילט מיר בעסער דעם אמת, איידער א בייקע, אלטמשקער הערעלע,
ווייל כ'ווייס נישט, וואָס ס'טוט זיך מיט מיר. — מיר ווייזט זיך אַלץ אויס,
אז איך בין משוגע געוואָרן און אז

(זיך אַרומקוקנדיק)

איך געפין זיך ביי די פיאַרן** אויפן באַרג, אין משוגעים־שפיטאָל.

קאַמערהער:

צון אלדי רוחות!

יאַנוש:

איר זענט ,האַר, צווישן אייגענע.

---

* לחלוטין נישט.

** מאָנאַכן, וואָס אין זייער קלויסטער האָט זיך געפונען א שפיטאָל פאַר משוגעים.

לודמיר:

כ'בין דען א משוגענער?

פאן יאוויאלסקי:

האלט זיך פון א בער פונווייטן —
באטש ער ציטערט, טוען ווי די זייטן.

לודמיר:

זאגט זשע מיר, מיין הערשאפט, ווו איך געפין זיך.

יאנוש:

אויב ס'איז אזוי דער ווילן פונעם ליכטיקסטן סולטאן צו טרייבן שפאס מיט זיינע געטרייע דינער און אונטערטאנען, און פרעגן דאס, וואס ער ווייסט אליין אויסגעצייכנט, מוז איך ענטפערן. איר זענט, האר, אין אייער קעניגרייך.

לודמיר:

אין מיינעם און ס'זענען פאראן אין אים מענטשן?

קאמערהער:

(באליידיקט)

זיין גנעדיקייט און איך זענען דאך נישט קיין חיות עפעס אזעלכע.

פאן יאוויאלסקי:

שטילער, שטילער.

לודמיר:

און ווי הייסט דאס דאזיקע קעניגרייך?

יאנוש:

טאמבאמבוקטוהאן...

לודמיר:

טאמבאמבאן... קיין שום אנשטענדיקער מענטש וועט דאס נישט ארויסרעדן. — און מיר שיינט, אז די הערשאפט מאכט חוזק פון מיר, דעם עלנטן.

העלענע:

(אפארט)

אן עלנטער.

לודמיר:

און איך האב זיך אייך אין וועג נישט געשטעלט.

יאנוש:

ווער וואלט זיך דאס דערלויבט דערויף — חוזק צו מאכן!

קאמערהער:

פון אזא מענטשן!

פאַן יאַוויאַלסקי:

שטופּ דעם טייך נישט אונטער —
ער פליסט אליין האַרד מונטער, — ווי עס זאָגט א שפּריכוואָרט.

העלענע:

(צו דער קאַמערדאַמע)

ווי לאַנג וועט דאָס דויערן?

קאַמערדאַמע:

ווי לאַנג ס'עט די עלטערע געפעלן, Vous comprenez *

לודמיר:

בין איך הייסט עס נישט איגנאַץ קורעק?

יאַנוש:

איר זענט מיהזא אַלי מוסטאַפאַ.

לודמיר:

אַ מוסטאַפאַ — און א פּאַן?

מענער:

(פארנייגן זיך)

דער האר, דער ליכטיקסטער האר, דער ליכטיקסטער סולטאַן.

לודמיר:

און כ'קאָן באַפעלן?

יאַנוש:

איר קאָנט, מירזא אַלי מוסטאַפאַ.

לודמיר:

און אַלצדינג, וואָס איך וויל?

יאַנוש:

אַלץ.

קאַמערהער:

אַלץ, אַלץ.

פאַן יאַוויאַלסקי:

אָבער ווער עס גיט באַפעלן אָן גרענעץ,
האַלט זיין הערשאַפט אָן נישט לאַנג, — לערנט א שפּריכוואָרט.

לודמיר:

און איר וועט פאָלגן?

יאַנוש:

ווי די אונטערטעניקסטע דינער און פּיסבענקעלער.

---

* פארשטייסט?

לודמיר:

(אָנטוענדיק דעם טורבאַן)

מא, זאָל זשע זיין אַזוי.

יאַנוש:

(צום קאַמערהער)

ערשט וועט זיך אָנהייבן די פּאַרוויילונג.

קאַמערהער:

איך לעב שוין אַזוי אויך קוים פאַר פריד.

לודמיר:

(שטעלט אַנידער אַ שטול אין מיטן צימער און, זיך זעצנדיק)

איך בין אַ האַר, אַ סולטאַן, הערט, וואָס איך באַפעל. — עסן, טרינקען און געלט!

פאַן יאַוויאַלסקי:

(אַפּאַרט)

ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן אַ האַר.

יאַנוש:

ס'איז נאָך נישט צייט אויף מיטאָג, ליבטיקסטער האַר.

לודמיר:

וואָס הייסט, ס'איז נישט קיין צייט? איך, דער האַר, זאָג, אַז ס'איז צייט — איז ווער פון די אונטערטאַנען וועט זאָגן: ניין?

יאַנוש:

באַרעגנקט זיך...

לודמיר:

קיין איין וואָרט, ווייל דו וועסט כאַפּן אַ פּסק. — עסן שנעל און אַ קוואַרט וויין פאַר אַ רייניש* — אַז איך בין אַ האַר, בין איך אַ האַר.

פאַן יאַוויאַלסקי:

(קאָנטעט)

פיר אוים די באַפעלן פונעם ליכטיקסטן האַר.

(יאַנוש גייט אַרוים)

לודמיר:

אַ טישל אהער פאַר מיר! נו! איר הערט נישט? דו

(צום קאַמערהער)

אינעם פּאַרוק, מיט דער רויטער שעפּסענער נאָז! אַוועקשטעלן דאָ אַ טישל.

קאַמערהער:

(צו יאַוויאַלסקין)

דאָס איז דאָך...

---

* אַן עסטרייכישע מטבע.

פאַן יאָוויאַלסקי:

אַז דו ביסט אַ שוועמל, מאַך נישט קיין געוויש —
ליג אין קויש, — באַריין דעם האַר.

לודמיר:

שנעלער!
(דער קאַמערהער שטעלט אַנידער אַ טישל)
באמת, ס'האָט זיך מיר געמוזט חלומען, אַז איך בין געווען אַ שיסטערל...
אַז איך בין געווען אַן אָרעמאַן. כ'וויל דערין פאַרגעסן. — איר הערט, כ'וויל
דערין פאַרגעסן. — און ווער עס וועט דאָס מיר ווײַזן עס איז דערמאָנען,
וועל איך באַפעלן אים דעם קאָפ אַראָפהאַקן. — פאַרשטייסט דו און יענער?

וואָס געווען איז פאַרביי —
צו פאַרשרייבן נישט כדאַי.

פאַן יאָוויאַלסקי:

(אַפּאַרט, ווי ער וואָלט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט)
וואָס, וואָס! אַ שפּריכוואָרט — צי דער טייוול האָט פון אים אַרויסגערעדט?
(מע ברענגט אַרײַן פרישטיק, יאַנוש קומט צוריק)

פאַני יאָוויאַלסקי:

(צום מאַן אַפּאַרט)
גיי נישט צו צו נאָענט, ווײַל דאָס איז עפּעס אַ מה־יעשׂהניק.

פאַן יאָוויאַלסקי:

וועט זײַן נאָך אַמוזאַנטער.

קאַמערדאַמע:

איך ווייס נישט, צי די־אָ שפּאַסן וועלן זיך גוט ענדיקן.

יאַנוש:

איך גאַראַנטיר דערפאַר. ער איז אַביסל חוצפּהדיק, אָבער צוליב דעם נאָך
לעבערלעבער.

קאַמערדאַמע:

אַז ער וועט נאָך דעם ווײַן אויסטרינקען!

יאַנוש:

כ'האָב געהייסן צוגיסן וואַסער.

לודמיר:

(פאַרזוכנדיק)
וואָס איז דאָס פאַר אַ ווײַן? דו הערסט, דו אַלטער בינטשיק?

פאַן יאָוויאַלסקי:

(ערנסט צו פאַני יאָוויאַלסקי)
בינטשיק!

פאַני יאָוויאַלסקי:

זעסט שוין, אַז דאָס איז אַן אוזאַנטוריסט.

פאַן יאָוויאַלסקי:

דאָס איז אינגלענדישער.

לודמיר:

איז גיט נישט אינגלענדישן.

(צו דער קאַמער־דאַמע)

הערסט, שליסעריין, נעם צו דעם־אָ וויין, און ברענג אַנדערן.

קאַמערדאַמע:

Cést impertimence *

פאַן יאָוויאַלסקי:

נעם, נעם.

קאַמערדאַמע:

איך האָב נישט בדעה לענגער צו פאַרטראָגן אַזעלכע שפּאַסן.

לודמיר:

וואָס הייסט דאָס? צי האָבן אויך דאָ ווייבער זייער דעה?

(די קאַמער־דאַמע נעמט צו דאָס פלעשל און ברענגט אינגיכן אַן אַנדערס)

פאַן יאָוויאַלסקי:

פליגן אין דער גאַז, ווי עס זאָגט אַ שפּריכוואָרט —

זיי האָבן, זיי האָבן, ליכטיקסטער האר.

לודמיר:

כ'וועל באַלד געפינען אַ מיטל דערצו.

קאַמערדאַמע:

וואָס פאַר אַ מיטל וועסטו געפינען, מטורפער יונג? — איך שלים מיך אויס פון דער פּראָסטאַצקער פאַרוויילונג, וואָס האָט זיך אויסגעפּיקט אין קאָפּ פון אַ ווירדיקן קאַנדידאַט אויף אַ מיטגליד פון דער פאַמיליע יאָוויאַלסקי.

איך באַדויער בלויז, וואָס כ'האָב עס גלייך נישט געטאָן!

Tres humble servante **

פאַן יאָוויאַלסקי:

בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל.

קאַמערדאַמע:

(פון טיר)

פאַר אייער גנעדיקייט איז שוין סיזוי צו שפּעט.

(גייט אַוועק)

---

* דאָס איז חוצפּה.

** זייער דערנידעריקטע דינסטמיידל!

סצענע II

די זעלבע, אין דער קאַמערהאַמע

לודמיר:

וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטן? — גאָך שינקע!

(זיי שטורכען זיך איינאַנדער מיט די עלנבויגנס, ענדלעך גייט דער קאַמערהער און ברענגט).

פאַן יאָוויאַלסקי:

איר וועט דערלויבן, ליכטיקסטער האַר, צו מאַכן אייך אַ באַמערקונג, אָדער ריכטיקער, זאָגן אַ שפּריכוואָרט:

פון עסן און טרינקען אַריבער דער זעט
ווערט דער שכל נישט פעט.

לודמיר:

אַ בייקע!

דער איז לאַנגע יאָרן שטאַרק. — אָבער קום נאָר נעענטער, אַלטיטשקער.

ווער ס'איז אויפן טרונק נישט קאַרג,

פאַני יאָוויאַלסקי:

גיט אַכטונג, פאַניע יאָוויאַלסקי.

פאַן יאָוויאַלסקי:

מאַכט זשע אונדז נישט קאַליע די פּאַרווײַלונג, ווייבער.

לודמיר:

וואָס זענט איר אַלע?

פאַן יאָוויאַלסקי:

אײַערע הויפלייט.

לודמיר:

ווער ביסטו?

פאַן יאָוויאַלסקי:

דער גרויסער קרוין־קאַנצלער.

לודמיר:

דער קאַנצלער, וואָס איז דאָס אַזויגס?

פאַן יאָוויאַלסקי:

דאָס איז דער עפּעס פון דעם שטעמפּל און דער סטרויש פון די לאַנד־געזעצן.

לודמיר:

צי דו הייצסט דעם אויוון מיט די געזעצן, וואָס דו הופּסט זיך סטרויש?

פאַן יאַוויאַלסקי:

דאָס איז נישט ביי אונדז, ליבסטיקסטער האר...

(אפּאַרט)

אַן אויסגעצייכנט שוסטערל!

לודמיר:

און וואָס שטעמפּלסטו מיטן שטעמפּל?

פאַן יאַוויאַלסקי:

אייערע באַפעלן.

לודמיר:

כ'וויל זאָלסט אַלעמען אָפּשטעמפּלען די קעפּ.

פאַן יאַוויאַלסקי:

צי וואָס דאָס?

לודמיר:

כדי אַלע קעפּ זאָלן זיין אונטער איין אָפּצייכן, מיין אייגענעם; אָן דעם
האַרס אָפּצייכן, וועט מען זיי אַראָפּהאַקן.

(צו יאַנושן)

און דו, וואָס פייגסט זיך אויס, ווי יענע מאַלפּע, וועלכע כ'האָב אַמאָל געזען
אין דער בודע אויף דער קראַקאָווסקע*?

יאַנוש:

העפלעכקייט איז דאָ אַ געזעץ.

לודמיר:

פאַר דיר, דינער; נישט פאַר מיר, דעם האַר. וואָס ביסטו?

יאַנוש:

(צו יאַוויאַלסקין)

דאָס איז זייער נישט העפלעך.

פאַן יאַוויאַלסקי:

מען מוז אַביסל ליידן צוליב דער אַלגעמיינער פאַרווייַלונג.

ווער ס'וויל אַ לוסטערע זיך,

מוז זי אָפּשוימען אויך. —

איבעריקנס געדענק אַז דאָס איז דאָס שוסטערל קורעק.

יאַנוש:

איך בין דער גרויסער אָסמייסטער**

---

* פאַרשטאָט אין לעמבערג.

** אַן אילוזיע צום אמט פון אַ תלין, וועלכער האָט אַמאָל געטראָגן דעם נאָמען מייסטער.

לודמיר:

וואָס איז דאָס אַזויגס אַך און מײַנסטער? — פּארוואָס: אָך? צי דערפאר, ווייל דו ביסט דער מײַנסטער.

פאַן יאָוויאַלסקי:

דאָס איז אן אמט, ליכטיקסטער האר.

לודמיר:

וואָס זשע טוט ער?

פאַן יאָוויאַלסקי:

ער גיט אכטונג, אז אלץ אין הויף זאָל זיין אָנשטענדיק.

לודמיר:

און דו גיסט זיך דערחמיט אן עצה.

יאַנוש:

אַזוי איז עס.

לודמיר:

ביסטו א גרויסער מענטש! וואָס נאָך טוסטו?

יאַנוש:

איך שטעל פאָר אלע די, וואָס ווילן זיין ביים הויף.

לודמיר:

וויאַזוי שטעלסטו עס פאָר?

יאַנוש:

איך זאָג אייך, ליכטיקסטער האר, ווער ס'איז דער אָדער יענער און ווי ער הייסט.

לודמיר:

און דו זאָגסט: א גוטער צי א שלעכטער, א קלוגער צי א נאַר, א לאָטער צי אן אָרנטלעכער?

יאַנוש:

ניין, דאָס זאָג איך נישט.

לודמיר:

ביסטו זייער א קליינער מענטש. — און וואָס נאָך ביסטו?

יאַנוש:

נאָך?
(נאָך אַ קורצן שווייגן)
איך בין דער עפּעס פון די פינאַנסן.

לודמיר:

פון די פינאַנסן? האַ! האָסטו עס מיר אוועקגעלאַכט מיין טלומעקל.

— רוק זיך אָפּ פון מיר, ווייל איך האָב נאָך אַביסל זילבערמינץ אין קעשענע. —

(צו זיך)

וואָס אַן אמת, ערשט וועט ער זיך מיט מיר טיילן. —

(צום קאַמערהער)

און דו, וואָס לאַכסט און רעדסט גאָרנישט, האָסט אויך צוויי אמטן?

קאַמערהער:

איך בין דער גרויסער קאַכמייסטער און דער מלחמה־עפּענדי.

לודמיר:

א! צו דער קיך און צו מלחמה — צו איינגעהאַקטן פלייש, הייסט עס, צו איינגעהאַקטן פלייש. — קיין מלחמה וויל איך נישט.

פאַן יאָוויאַלסקי:

זייער פיין, ליכטיקסטער האַר; ווי אַ שפּריכוואָרט זאָגט:

ווען די פאַנעס פאַר די קעפּ זיך נעמען,

הייבן בײַ די פּאַראָבקעס די האָר אָן ברענען.

לודמיר:

באמת?

פאַן יאָוויאַלסקי:

די פאַנעס פאַרקאָכן א קאַשע אין טאָפּ,

און ס'בריען מיט איר זיך די פּאַראָבקעס אָפּ.

לודמיר:

אָבער די קיך האָב איך ליב — זעץ זיך קעכער. — און קאָכסט דו גוט?

קאַמערהער:

איך קאָך נישט, דאָס איז נאָר א טיטל.

לודמיר:

דו מוזט קאָכן. — אָבער הערט נאָר, ווו איז דער קרוינישער שכל־מייסטער?

פאַן יאָוויאַלסקי:

אַזאַ אַמט איז נישט פאַראַן.

לודמיר:

ווער זשע וועט האָבן פאַר אונדז שכל?

פאַן יאָוויאַלסקי:

דער, וועמען איר וועט באַפעלן.

לודמיר:

כ'האָב ליב צו זיין געלויבט, צי איז פאַראַן א קרוינישער לויבזאָגער?

פאַן יאַוויאַלסקי:

דער־אַ אמט איז פאַראַן פון זיך אליין ביי אלע אמטן...

לודמיר:

ווער זענען די דאָזיקע פּרויען? און יענע, וואָס האָט זיך צעבריקעוועט?

פאַן יאַוויאַלסקי:

סולטאַנשעס.

פאַני יאַוויאַלסקי:

איר וועט דאָך נישט, אייער גנעדיקייט, באַווייליקן...

לודמיר:

מיינע ווייבער?

פאַן יאַוויאַלסקי:

אַזוי איז עס.

לודמיר:

אַזש דריי!

יאַנוש:

דריי תמיד אומצעשיידטע.

לודמיר:

כ'וויל בלויז איינע.

יאַנוש:

דאָס קאָן נישט זיין, אַזוי איז דאָס געזעץ.

פאַן יאַוויאַלסקי:

יעדעס לאַנד לויט זיין מנהג.

לודמיר:

דריי! א קליינינקייט! מיין מייגסטער האָט געהאַט איינע, און גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען...

(שטרענג, אויפשטייענדיק)

ווער האָט דערמאָנט וועגן דעם מייגסטער?

פאַן יאַוויאַלסקי:

קיין הויפליגג וועט אַזעלכעס נישט טאָן.

לודמיר:

(זיך ווידער זעצנדיק)

גיס זשע אָן וויין.

(אויסטרינקענדיק)

און איצט פאַרנעמט זיך — כ'וועל איבערבלייבן מיטן ווייב;

(אָנווייזנדיק אויף העלענען)

מיט אָט דער.

יאנוש:

(צו יאַוויאַלסקין)

דערויף קאָן מען נישט דערלויבן.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס?

(זיי רעדן צווישן זיך, יאַוויאַלסקי שיינט צו האָבן אַ פּאַרקערטע מיינונג, בעת לודמיר רעדט אין דער צווייטער זייט מיט העלענען)

לודמיר:

(אפּאַרט צו העלענען)

באַוויליקט צו בלייבן, שרעקט אייך נישט, איך פאַרשטיי זיך אויף די גרענעצן פון אַ שפּאַס און דער פּליכט פון אַכטונג. מיר האָבן נאָך קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט צווישן זיך, אָבער אונדזערע נשמות פאַרשטייען זיך שוין.

העלענע:

וואָס איז דאָס? וואָס פאַר אַ שפּראַך?

לודמיר:

איך דערהער זיך צו בעטן וועגן אַ מיגזשיקן שמועס. איך בענטש די הימלען, וועלכע האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו באַקענען די שיינע העלענע.

העלענע:

איך בין אַזוי פאַרוואונדערט, אַז עס פעלן אויס ווערטער...

לודמיר:

דאָס וואָרט איז אַ פּוסטער קלאַנג; די נשמה פאַרמאָגט אַ געהיימערע שפּראַך, און אויף דער שפּראַך האָבן מיר שוין, פאַני, לאַנג גערעדט.

העלענע:

וואָס פאַרלאַנגט איר?

לודמיר:

באַאומרואיקט זיך נישט צוליב מיין אַדאָפּטירטער ראָל און בלייבט.

(הויך)

נו! נאָך אַלץ דאָ!

(זיי גייען זיך פאַנאַנדער)

יאנוש:

אַוועקגיין קאָנען מיר נישט.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

קומט.

קאַמערהער:

מיר בלייבן, משמעות.

לודמיר:

צון אַלע רוחות! אַרויס! אַרויס, זאָג איך!

פּאַני יאַוויאַלסקי:

פּאַניע יאַוויאַלסקי, פּאַניע יאַוויאַלסקי, זייט פּאָרזיכטיק, אייער געזונדהייט!

פּאַן יאַוויאַלסקי:

(צו זיין טיר)

ס'קלינגט נישט די קאַסע פון זיך אַליין,

אויב ס'טרעפט נישט אויף קיין שטיין, — פּאַניע אַבמייסטער.

יאַנוש:

דערלויבט, געעהרטער הער.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

איך האָב געזאָגט, אַז גיין.

לודמיר:

אַרויס, ווייל שמיץ!

(כאַפּט אַ בענקל)

פּאַן יאַוויאַלסקי:

(ביי זיין טיר)

האָסטו נישט קיין וואָפן—

שטאַט קעמפן גיי שלאָפן.

יאַנוש:

(אַפּטרעטנדיק)

דאָס איז משוגעת! דאָס איז שוין צופיל! דאָס איז אַ שרעק!

(לודמיר גרייפט אָן מיט דער שטול. — יאַנוש טרעט אָפּ הינטערן קאַמערהער, און דער קאַמערהער הינטער יאַנושן, און אַזוי ביז יענער זייט טיר. דער קאַמערהער הזרט איבער, אַפּטרעטנדיק, יאַנושעס יעדעס וואָרט — יאַוויאַלסקי לאַכט).

פּאַן יאַוויאַלסקי:

איצט וועלן מיר אויך גיין, אָבער כאַפּן אַ קוק דורך אַ שפּאַרונע. —

כ'האָב שוין לאַנג נישט אַזוי געלאַכט.

(גייט אַוועק)

סצענע III

לודמיר, העלענע

לודמיר:

איך פאַרשטיי זייער גוט אייער פאַרוואונדערונג, אָבער איך וועל לייכט אַ סוף מאַכן צון איר, ווען כ'וועל זאָגן, אַז איך האָב מיך בלויז געמאַכט

שלאָפנדיק אין גאָרטן, ווען פאַן יאַנוש איז געפאַלן אויף דעם אַרצי=גליקלעכן געדאַנק צו מאַכן אַן אָרעמען וואַנדערער פאַר אַ ציל פון שפּיל און חוזק.

העלענע:

אַזעלכע זענען כּמעט תּמיד אַלע זיינע המצאות, אַזאַ איז תּמיד זיין פרייַלעכקייט; תּמיד מוז עמעצער פאַר איר צאָלן. צום אומגליק איז דער זייַדעניו, כּדי צו האָבן פאַרווײלונג, גישט שטאַרק איבערקלייבעריש אין די מיטלען דערצו.

לודמיר:

איר* וועט אַוודאַי זיין איינשטימיק מיט מיין מיינונג: אַז אין די אויגן פון דער נשמה, וועלכע זוכט די געגאַרטע עסטעטישע שיינקייט, רייסט אונדז אַרויס יעדער קלאַפּ אין דעם קייט=רונג, וואָס פאַראייניקט דאָס עקסצענטרישע גלוטיקע געפיל מיט דער ראָד, וואָס דרייט זיך לייַדנשאַפטלעך אין דעם שטח פון מאַטעריאַליזם — פונעם געפיל פון יעדער מין ביענקשאַפט, יענעם זונאויפגאַנג פון דער גײַסטלעכקייט.

העלענע:

אַזוי איז עס אין תּוך. וויפל מאָל האָב איך עס זיך אויסבאַהאַלטן, בין אַליין אַנטלאָפן פון זיך פאַר די קאַלטע קאָנטורן פון די מאַרמאָרנע ווענט, אין וועלכע די געזעלשאַפטלעכקייט האָט מיך געשמידט אין אַ בלייערנער קייט.

לודמיר:

איך מיין, אַז יענץ „זיין", וואָס ווירקט אין דער מאַטעריעלער סטרוקטור פונעם פאַן יאַנוש, איז באַדעקט געוואָרן אין דער פּרימיטיווער אַנטוויקלונג פון פאַרשטענדלעכקייט, ווי מיט עפּעס אַ שטויב פון פלאַכע אָפּקלאַנגען פון דער אַנטאַפּעוודיקער וועלט.

העלענע:

ער איז בלויז אַ טליענדיקער פלעמל פון אַ קאַגיעץ, אַ נישט געלייטערטער שטראַל פון דעם פייער, דעם קוואַל פון דער נישט דערגרונטעוועטער אייביקייט. — עס שיינט, אַז נאָר צוליב פלאַסטישקייט איז ער אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך דער האַנט פון דער נאַטור איבעם לויף פון דער צייט.

---

* לודמיר ווײל נושא=חן זיין אין העלענעס אויגן, דערפאַר באַנוצט ער יענעם, איר אייגנטימלעכן מליצהדיקן און געקינצלטן אופן פון אויסדריקן זיך, וועלכער איז אייטנווייז בפירוש אומפאַרשטענדלעך.

לודמיר:

איצט איז געקומען מיין ריי אונטערצוטוקן זיך אינעם מוטנעם ים פון פאַרוווּנדערונג.

העלענע:

דורך וואָס פאַר אַ סיבות האָט דער קאָלוועראַט געקאָנט אַרויסוואַרפן דאָס שפּיל-ביינדל פון אַזאַ רעזולטאַט?

לודמיר:

אָט האָט איבערגיסן די שטריכן פון דער נשמה אין דעם ווייכן קלאַנג פון דער שפּראַך, מיט וועלכער איר באַוויליקט צו צערטלען מיין אויער, אַנטדעקט מיר אין אייך, פאַני, אַ וועזן, וואָס איז באַשאַנקען מיט אַן אוצר פון העכערע השגות. ווי אַזוי זשע געשעט דאָס, אַז פאַן יאַנוש, וואָס זיין גייסטיקע טעמפּקייט דריקט אים צו צו דער ערד, ווי אַ מילשטיין, האָט זיך דערוועגט אויפצוהייבן אַן אויג פון באַגער צו אייער דערהויבנ-קייט? — און נאָך מער, ווי האָט ער געקאָנט באַקומען פון אייערע ליפּן דעם רויזיקן שטראַל פון האָפענונג?

העלענע:

נישט פון מיינע ליפּן, לוידער! איך האָב אַ שטיפמאַמע — מער דאַרף איך נישט זאָגן — און איך בין עלנט — פון וויגעלע-אָן אָן אַ מוטער, גיי איך אַרום אויף דער וועלט אָן ליכט און עצה. דער ערשטער אויגנבליק ווידער האָט אייך וואַדאי איבערצייגט, אַז איך בין איבעריקנס אַרומגערינגלט פון גוטע מענטשן; אָבער בלויז מיט גוטע, וועלכע זענען גוט אויך פאַר די שלעכטע.

לודמיר:

(מיט אויפריכטיקער גערירטקייט)

אָן זאָרגעוודיקער דערציונג פון אַ מוטער האָט איר אָנגעהויבן אייער לעבנס-וועג, עלנטע העלענע. — ווער זשע קאָן אייך נעמען פאַר אומגוט דאָס פאַלשע פאַרשטעלן זיך זאַכן...

העלענע:

מיט וואָס זשע איז עס פאַלש?

לודמיר:

ווען עס וואָלט פאַלש זיין. — אַ יתומה הייסט עס — צווישן אייגענע, אָבער אינגאַנצן פרעמדע.

העלענע:

לוידער!

לודמיר:

איך מיינע ליפּן האָבן קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט: „פאָטער“, איך

נישט: „מוטער"! כ'בין אויך אַ יתום, פון קינדווייז אָן גיי איך אַליין אין וועם לעבן. העלענע! זייט מיר מוחל מיין דאָזיקע אינטימלעכקייט, אָבער אָפנהאַרציק, אָפנהאַרציק רעדט איצט צו אייך מיין האַרץ — העלענע, נעמט מיך צו פאַר אייערן אַ ברודער — מיינע עצות קאָנען צונוץ קומען — כ'האָב מער געזען די וועלט, כ'האָב זי מער דערקענט.

העלענע:

ווער־זשע זענט איר, מערקווירדיקער מענטש? פון וועלכער פינצטערער נאַכט רעדט צו מיר אַרויס די שטימע, וועלכע איז מיר באַקאַנט בלויז דורכן פאַרגעפיל?

לודמיר:

(אַפּאַרט)

זי איז מיר א שאָד. — מע זעט, אַז זי האָט יצו פרי די מוטער פאַרלוירן. אָ, פאַננעס, פאַננעס! בעסער וואָלט איר גאָרנישט לייענען, איידער שלעכט לייענען.

העלענע:

(אַפּאַרט)

עפּעס א סוד דריקט אים אויפן האַרצן, דריקט אים צו דאָס מויל מיט א שטיין.

לודמיר:

ווער איך בין, פרעגט איר? — אַך, ווען איך אַליין וואָלט דאָס געקאָנט וויסן!

העלענע:

ווערטער ליידן אויסזען פּשוטע, צוזאַמענגעפלאָכטענע — ווערן א רעטעניש.

לודמיר:

וואָס איז דען אויף דער־אָ וועלט נישט קיין רעטעניש?

העלענע:

יערנפאַלס האָט איר נישט אין קיין פאַסיקער טראַכט אַרומגערייזט?

לודמיר:

נישט אין קיין געוויינלעכער, אָבער מעגלער, אַז אין דער פאַסיקסטער, ווייל דאָס איז געווען די טראַכט פון א בעטלער.

העלענע:

און איר זענט דאָס טאַקע?

לודמיר:

ניין, כ'האָב זיך שלעכט אויסגעדריקט; קיין בעטלער בין איך נישט, נאָר אַן אָרעמער.

העלענע:

אפשר האָרפּט איר הילף?

(האָסטיק צום טיש)

איך דערהויבּ זיך נישט... נישט קיין סך... אָבער באַוויליקט.

(שטרעקט אים געלט)

לודמיר:

זענט איר, הייסט עס, אַ גוטע, העלענע? — ווי שיין איר זענט איצט! אָבער קיין געלט דאַרף איך נישט — איך האַנק אייך, איך דאַנק אייך הונדערט מאָל.

העלענע:

(בעטנדיק)

איין יתום דעם אַנדערן.

לודמיר:

ניין, ניין. אָבער אָט די מאַט אייערע ווערט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן אין מיין געדעכעניש — קיינמאָל נישט.

(קוקט איר אין האַנט).

סצענע IV

העלענע, לודמיר, יאַנוש

יאַנוש:

פאַננע העלענע, וואָס באַדייט דאָס?

לודמיר:

איך פרעג, וואָס הייסט דאָס איבעררייסן דעם האַר סולטאַן דעם שמועס מיט הער האַרין סולטאַנשע?

העלענע:

גרויסער אָכמייסטער, אייך איז באַקאַנט דער ווילן פון מיינע עלטערן.

יאַנוש:

איז עס אייך אַזוי געפעלן געוואָרן?

העלענע:

איך בעט צו געדענקען, אַז איך טו אַלץ אויפן באַפעל פונעם זיידן און אויף דער ביטע פונעם פאַן יאַנוש.

יאַנוש:

(באַצווינגענדיק זיך)

איך בין דער אָכמייסטער; צו מיר געהערט דאָס אַכטונג געבן, מע זאָל נישט פאַרברעכן קעגן דער אָנשטענדיקייט.

לודמיר:

איך ראָט דיר, טו אָן דעם הוט און גיי ארויס אויף יענער זייט טיר.

יאַנוש:

איך אויף יענער זייט טיר?

לודמיר:

אויך דאָס פענצטער איז אָפן.

יאַנוש:

(איינהאַלטנדיק דעם כעס)

באַוויליקט צו דערלויבן, ליבטיקסטער האַר, צי זאָגן איין וואָרט אַט דער פּאַני.

לודמיר:

רעד, אָבער שנעל.

(גייט אָפּ אין דער טיף פון דער בינע)

יאַנוש:

פּאַננע העלענע, וואָס טוט איר? פאַרוואָס גייט איר נישט אוועק פון דאַנען?

העלענע:

ער וויל מיך נישט אָפּלאָזן.

יאַנוש:

אָבער דאָס איז אומאַנשטענדיק.

העלענע:

איר האָט עס אַליין פאַרלאַנגט.

יאַנוש:

אָבער איצט פאַרלאַנג איך שוין נישט, און כ'וואָלט שוין לאַנג איבערגע־ריסן דעם־אָ שפּאַס, וואָס איז שוין צו ווייט אוועק, ווען נישט פּאַן יאַ־וויאָלסקי, וועלכן מיין עגמת־נפש פאַרווײַלט מער, ווי דער האַזיקער בלומר־שטער שוטה.

העלענע:

און וועלכער וואָלט געקומען פאַר זייער אומגוט דאָס איבעררייסן די ראַ־זיקע אומשולדיקע פאַרוויילונג אָן זיין בפירוש באַפעל.

יאַנוש:

אומשולדיקע! אָבער זי ווערט אַ פולשטענדיק שולדיקע.

העלענע:

איך זע עס נישט איין.

יאַנוש:

אַליץ ערגער פאַר אייך.

העלענע:

גיכער פאַר אייך.

לודמיר:

ס'וועט שנעל א סוף נעמען?

יאנוש:

פאנגע העלענע. איך גיי ארויס פון די כלים — איך בין געווארן אן אב־יעקט פון חוזק

העלענע:

וואס זשע קאן איך העלפן?

יאנוש:

נישט דערלויבן אז דעם פראסטאק אזויפיל אינטימקייט.

העלענע:

ער איז לחלוטין נישט קיין פראסטאק.

יאנוש:

אלעמאל בעסער; און איך מוז נאך שפילן די קאמעדיע.

העלענע:

איב איך שעצט דעם זייערעינום פריינדשאפט.

יאנוש:

געפעלט אייך, הייסט עס, דאס שוסטערל קורעק?

העלענע:

פאניע יאניש!

יאנוש:

ער געפעלט?

העלענע:

מיט וואס פאר א רעכט שטעלט איר די פראגע?

יאנוש:

מיט דעם רעכט, מיט דעם רעכט, וואס איך ליב אייער גנעדיקייט, וואס איך וויל מיט אייך חתונה האבן, וואס אזעלכע לאנגע שמועסן אויג אויף אויג מיט וועמען דאס זאל נישט זיין, קאנען מיר בשום אופן נישט געפעלן ווערן.

העלענע:

איר האט דאך עס אליין געוואלט.

יאנוש:

כ'האב געוואלט, כ'האב געוואלט... הלוואי וואלט איך קיינמאל נישט גע־וואלט.

לודמיר:

פארנעם זיך, אך און מיינסטער!

יאַנוש:

באַלד, באַלד.

לודמיר:

צון אַלדי ווייסטע שוואַרצע יאָר!

(נעמט אַרויס דעם פּאַלאַש)

יאַנוש:

(שנעל זיך צוריקציענדיק)

וואַרט נאָר, דו הולטאַי!

לודמיר:

אַרויס!

יאַנוש:

(זיך אומקערנדיק פון הינטער דער טיר)

פּאַננע העלענע!

לודמיר:

ווידער!

(יאַנוש גייט אַרויס)

סצענע V

העלענע, לודמיר

העלענע:

כ'קאָן מיך באמת נישט איינהאַלטן איצט פֿון געלעכטער. ער האָט זיך אַליין פֿאַרפּלאָנטערט אין זיינע נעצן. — זאָל ער זיצן אין זיי, דערמיט לכל־הפּחות לאָמיך זיך נוקם זיין פֿאַר די טויזנטער אומאָנגענעמלעכקייטן, וועלכע איך האָב צוליב אים געליטן, און וועלכע פֿאַרסמען ביטער די ליכטיקע פֿרי־לינג־טעג פֿון מיין לעבן.

לודמיר:

אויך איך וואָלט זייער באַדויערט, ווען פּאַן יאַוואָלסקי וואָלט אַ סוף גע־מאַכט צום דאָזיקן שפּאַס.

העלענע:

אָ! די דאָזיקע מורא קאָן נישט מאַכן קלאַפּן דאָס האַרץ. — דער זיידעניו ענדערט נישט אַזוי לייכט דעם קעגנשטאַנד פֿון זיינע פֿאַרוויילונגען. דאָס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס שיר נישט אויף די קני מוזן מיר אַלע בעטן, ער זאָל איבעררייסן אַוועלכן ס'איז שפּאַס.

לודמיר:

קאָן איך הייסט עס אַריינלאָזן אין מיין נשמה די האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך נאָך פאַרווײַלן מיט מיר דעם גאַנצן טאָג?

העלענע:

דאָס שטייט אויסער יעדן שטח פון אומזיכערקייט.

לודמיר:

זע איך נישט דעריבער קיין נויטווענדיקייט אויפצורעקן דעם סוד, אַז איך בין נישט קיין שוסטער, וואָס האָט וואָלט קאַליע געמאַכט די פאַרווײַלונג פונעם גנעדיקן זייערעניו.

העלענע:

איך מיין אויך, אַז ס'איז נישטאָ די נויטווענדיקייט. דערבײַ וועלן אויך מיר, אַלס רעוואַנזש, אויסמונטערנדיק די פרייד, אָפּקילן מיט איר טוי די היץ פון דער נשמה. — אָבער צי מעג איך פרעגן, ווי איר הייסט?

לודמיר:

לודמיר.

העלענע:

(אַפּאַרט)

אַ פּרעכטיקער נאָמען!

לודמיר:

וואָס שייך דעם, פון וואַנען איך בין, ווער איך בין, וואָלט איך געהאָפן האָבן אַ סך צייט אויף צו דערציילן וועגן געשעענישן, וואָס זענען וויכטיק בלויז פאַר מיר אַליין. און אײַנגיכן וועט זיך אומקערן יאַנוש, וועמען עס הייבט אָן צו פּײַניקן אייפערזוכט.

העלענע:

אייפערזוכט? אפשר — אַלץ בעסער.

לודמיר:

צי וואָלטן מיר נישט קאָנען אַרײַנגיין אין גאָרטן אָביסל אָפּצורוען?

העלענע:

פאַרוואָס נישט — דער גאָרטן איז פאַר די פענצטער — אָט דורך דער טיר.

לודמיר:

(אויסשטרעקנדיק אַ האַנט)

איך דין אײַך!

העלענע:

אייפערזוכט! דאָס ווילט מיך.

(זיי גייען אָפּ דורך דער טיר לינקס פון די שוישפּילער)

סצענע VI

יאַנוש

יאַנוש:

(אַליין; טוט אַ קוק, דערנאָך גייט ער אַריין)

נישטאָ — ווו האָבן זיי זיך אַהינגעטאָן? — אַ מאָרגנע זאַך!...

(עפנט די רעכטע טיר)

נישטאָ...

(קוקט דורכן פענצטער)

אַ! אָט זענען זיי אין גאָרטן. דערלאַנגט איר די האַנט... פאַמיליער... נייִן, מע קאָן דאָ פון זינען אַראָפּ.

(גייט ארום)

די פאַנגנע העלענע זאָל מיר מוחל זיין, אָבער זי איז פאַטאַל אומפּאָרזיכ־טיק... צו ווייט דערפירט זי דעם חשק צו פאַרווילונגען... אויב בלויז צו פאַרווילונגען...

(ביים פענצטער)

און זיי שפּאַצירן זיך — שפּאַצירן — און איך דער נאַר שטיי דאָ, אַ נאַר טראָץ מיין חכמה.

(גייט אַרום)

„איר האָט עס דאָך אַליין געוואָלט“ — אמת, אַז כ'האָב געוואָלט, אָבער...

(ביים פענצטער)

אָ! אָ! — זיי בייגן זיך צו איינער צום אַנדערן... לאַכן!

(גייט אַלעמאָל שנעלער)

זיי לאַכן... ווי גאָט איז מיר ליב, זיי לאַכן... און אַלע זענען רואיק... אַ: אַלע...

סצענע VII

יאַנוש, קאַמערדאַמע

יאַנוש:

אַך, פּאַני, גנעדיקע פּאַני, האַרציקע, דערבאַרעמט זיך, גיט אַן עצה, ראַטע־וועט — וואָס טוט זיך דאָ, דאָס איז נישט איבערצוטראָגן!

קאַמערדאַמע:

איר האָט עס אַליין גע

יאַנוש:

אַלע האָבן זיך דאָס וואָרט געגעבן מיר דאָס זעלבע איבערצוחזרן.

קאַמערדאַמע:

מיין ערשטער גאַטזעליקער מאַן, געגעראַל־מאַיאָר טוז, דאָס איז געווע[?]
אַ מענטש מיט כאַראַקטער..

יאַנוש:

וואָס זשע וואָלט ער, גנעדיקע האַרציקע פאַני, געטאָן אין אַזאַ פאַל?

קאַמערדאַמע:

ער וואָלט גאָרנישט נישט געטאָן, ווייל זייענדיק לויטן כאַראַקטער אַ באַ=
דאַכטער, וואָלט ער זיך צען מאָל צוריקגעצויגן, איידער לאָזן זיך איין מאָל
פאָרויס. ער וואָלט גאָרנישט אָנגעהויבן. — Cést cela *

יאַנוש:

גנעדיקע פאַני, האַרציקע, גנעדיקע פאַני, איך האָב שלעכטס געטאָן, זייער
שלעכט, איך בין אַ נאַר, כ'וועל געבן דערויף אַ געשריפטס; אָבער ס'איז
האָך שוין געשען און ס'גייט אין דעם, ווי אַזוי אַ סוף צו מאַכן צו דעם=אָ
קאָפּדרייעניש. אָט גיט אַ קוק: די פאַננע העלענע, די פאַננע העלענע, וועלכע
איך ליב, שפּאַצירט זיך איבערן גאָרטן אויג אויף אויג מיט אָט דעם
הולטאַי, גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט... גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט.

קאַמערדאַמע:

זעט נאָר זעט, די ראָמאַנטישע פאַננע העלענע, וואָס אַלץ איז פאַר איר
צו פּלאַך געווען, האָט פאַרגעניגן צו שמועסן מיט אָט דעם אומגעלומ=
פערטן פאַראָבעק. Cést extraordinaire! **

יאַנוש:

ער האָט אייך ,פאַני קאַמער־דאַמע אָנגענומען פאַר אַ שליסערין.

קאַמערדאַמע:

ניט אין רופט אַריין אַהער העלענען. — Nous verrons ***

יאַנוש:

יאָ, אַרייַנרופן, אַז ער האָט אַ פאַלאַש און אים שוין איין מאָל אַ כאַפּ גע=
טאָן צו מיר; כ'בין קוים אַנטלאָפן, פאַמעלער.

קאַמערדאַמע:

מיין ערשטער גאַטזעליקער מאַן, געגעראַל־מאַיאָר טוז, וואָלט געזאָגט:
Ne fait rień ****

---

* אָט־וואָס.

** דאָס איז אומדערהערט!

*** וועלן מיר זען!

**** דאָס באַדייט גאָרנישט.

יאנוש:

אָ! אָ! קוקט, ער האָט איר אין האַנט אַ קוש געטאָן.
(בײַם פענצטער)

קאַמערדאַמע:

דאָס באַדײַט גאָרנישט, אפשר בעט ער בײַ איר עפּעס.

יאנוש:

וואָס פאַר אַ בעטן, צום מיזיול! איך דאַנק, איך האַנק, גנעדיקע פאַני, איך זע פון דאַנען.

קאַמערדאַמע:

אין פאַרט וועט העלענע זײַן אײַער פרוי, פריער אָדער שפּעטער אַבי־כּל.

יאנוש:

וואָס הייסט „שפּעטער"? דאָס ווינטש איך זיך נישט.

סצענע VIII

קאַמערדאַמע, יאַנוש, קאַמערהער

קאַמערהער:

(אונטערזינגענדיק און אונטערטענצלענדיק, ווי תמיד)

גו וואָס. גרויסער אַכמייסטער, וו איז אונדזער סולטאַן?

קאַמערדאַמע:

זאָגט, וואָס לאַכט איר?

קאַמערהער:

אָ! אַנטשולדיקט, כ'האָב אײַך נישט באַמערקט, באַשע.

קאַמערדאַמע:

איר ווייסט נישט, אמת?

קאַמערהער:

אַזוי ווײַט...

קאַמערדאַמע:

ס'איז דאָ נישטאָ וואָס צו לאַכן, ס'האָט זיך אַרײַנגעגנבעט אין הויז עפּעס אַ מענטש.

קאַמערהער:

אַרײַנגעגנבעט? — פאַן יאַנוש האָט געהייסן אים אַרײַנברענגען, ווײַסט איר דאָך גאָרנישט, אַז דאָס האָט ער אונדז צוגעגרייט...

קאַמערדאַמע:

הערט, בעט איך אײַך. אַט דער מענטש, אַ גראָבער נפש ביז דער העכס־טער מדרגה, האָט פֿונדעסטוועגן געפֿינען אַ מיטל, איך זאָג נישט געפֿעלן צו ווערן, אָבער צו פֿאַראינטערעסירן העלענען.

קאַמערהער:

אָבער זי פֿירט דאָך אױס דערחמיט בלויז יאַנושעס ווילן.

יאַנוש:

האָסטו דיר! שוין ווידער זי פֿירט אויס מײַן ווילן!

קאַמערהער:

איר האָט דאָך אַליין געוואָלט!

יאַנוש:

כ׳האָב געוואָלט, כ׳האָב געוואָלט צו אַלדי רוחות! כ׳האָב געוואָלט, און נאַ־ריש געוואָלט, אָבער איצט וויל איך נישט.

קאַמערהער:

איז גוט, הייסט עס, אז סע געפֿעלט.

(וויל אַוועקגיין)

יאַנוש:

ביים לעבעדיקן גאָט, פֿאַניע קאַמערהער, איר זענט דאָך אַ פּאָטער.

קאַמערהער:

אַלע שמועסן אַזוי.

יאַנוש:

נוצט זשע אויס אײַער אויטאָריטעט.

קאַמערהער:

גוט, זייער גוט..

יאַנוש:

באַפֿעלט אײַער טאָכטער, זי זאָל נישט פֿירן קיין שמועסן הינטער פֿיר אויגן מיט אַט דעם מענטשן.

קאַמערהער:

אָהאָ! אויג אויף אויג.

יאַנוש:

(צופֿירנדיק אים צום פֿענצטער)

קוקט זיך צו — קוקט זיך צו!

קאַמערהער:

האַ!

יאַנוש:

אמת?

קאַמערהער:

צוויי שמיגליצן אין דעם כאַפּשטייגל.

(לויפט אַרויס)

סצענע IX

יאַנוש, קאַמערדאַמע

יאַנוש:

שמיגליצן! איך וועל אַראָפּ פון זינען, איך וועל אַראָפּ פון זינען... שמי־גליצן! — ווען איך וואָלט לכל־הפּחות נישט געווען הייסן אָנטאָן אין דעם פּאַלאַש — שמיגליצן! פּאַני גנעדיקע — פּאַני טייערע — דערבאַרעמט זיך אויף מיר, גיט אַן עצה.

קאַמערדאַמע:

מיין ערשטער גאַטזעליקער מאַן, געגעראַל־מאַיאָר טוז, האָט מיר שטענדיק געלערנט צו האַנדלען באַהאַכט, און ווען ער וואָלט נישט געווען, לײדער, צו פרי דערטרונקען ווערן... איר האָט געהערט אַמאָל וועגן דער שרעקלע־כער פּאַסירונג?

יאַנוש:

(קוקנדיק איך פענצטער)

כ'האָב געהערט, געהערט, שוין צוויי מאָל, הדיי מאָל געהערט...

קאַמערדאַמע:

אָבער זיכער נישט מיט אַלע פּרטים. אין יאָר 1807 האָבן מיר געגעכטיקט אין אַ קרעטשמע ביים סאַמע ברעג פון דער ווייסל, ווייל די איין־קריעס האָבן בשום־אופן נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט אַריבערצופאָרן. — פּלוצ־לינג, אַרום האַלבער נאַכט — אַ געפּילדער — אַ טראַסקעריי, אַ שרעקלע־כער רויש וועקט אונדז אויף און שרעקט. — וואַסער! וואַסער! — שרייט מען... — מיר טוען זיך אַ לאָז... דאָס וואַסער איז שוין אין פירהויז — אַ שרעקלעך פינצטערע נאַכט. — די דינסט טוט אַ כאַפּ האָס וויגעלע מיט אונדזער זונעלע. — זי לויפט אַרויס — שרייט. — מיין ערשטער גאַטזע־ליקער מאַן, געגעראַל־מאַיאָר טוז, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ פראַנ־צויזישער בריגאַדע, צוויי־געשטעלט do douzieme et

morbleu! ** , ליופּט אַהין, quinziéme des chasseurs * cheval
פֿון וואַנען ס'הערט זיך דאָס געשריי. — איך חלש! — איך בין צו זיך גע־
קומען אויף אַ הערבייאיק בערגל, ס'איז שוין געווען טאָג — פֿון דער
קרעטשמע קיין שום שפּור ניש — פֿאַרשפּאַרטע קריעס...

יאַנוש:

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער אַלטאַנע!

סצענע X

פאַן יאַוויאַלסקי, פּאַני יאַוויאַלסקי, יאַנוש, קאַמערדאַמע

יאַנוש:

(צו יאַוויאַלסקין)

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער אַלטאַנע, גנעדיקער וווילטוער! דערבאַ־
רעמט זיך, דערלויבט, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך שוין ענדיקן — כ'קאָן לענ־
גער נישט אויסהאַלטן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

אַ קאָזאַק האָט געפּאַקט אַ טאָטער פאַר דער האַנט,
נאָר ס'האָט דער טאָטער צוגעדריקט אים צו דער וואַנט.

יאַנוש:

(בעטנדיק)

פּאַניע גנעדיקער.

(צו פּאַני יאַוויאַלסקי)

פּאַני גנעדיקע.

(צו דער קאַמערדאַמע)

פּאַני קאַמערדאַמע.

פאַן יאַוויאַלסקי:

אָבער איר האָט דאָך אַליין געוואָלט.

יאַנוש:

אַ! איך וועל שוין אומקומען, שטאַרבן, אויסגיין מיט אָט דעם אייביקן
„איר האָט אַליין געוואָלט“!

פאַן יאַוויאַלסקי:

(לאַכט)

ווי דו האָסט דאָס ביר געברויזט,
אַזעלכעס טרינק עס אויס. —

---

* פונעם 12=טן און 15=טן פּאָלק רייטער=שיסער.
** צום טייוול!

און האָט אַלץ, נישט אָנווענדנדיק עם פונדעסטוועגן צו די אָנווענדיקע,
ברענגט מיר אַרויף אויפן זכרון א געוויס משלע.

יאַנוש:

אויב מען וועט מיך מאָרגן נישט באַגראָבן, וועל איך אייביק לעבן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

הערט־זשע, פאַניע יאַנוש...

יאַנוש:

כ'הער, כ'הער.

(אפארט)

אַך, ווען עמעצער וואָלט ערשט אין מיר פון אַ הארמאַט אויסגעשאָסן,
וואָלט איך אים אין האַנט אַ קוש געטאָן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

איך חזר איבער, אַז נישט אָנווענדנדיק צו די אָנווענדיקע — כ'הייב אָן.

ס'האָט אַ מאַלפּע זיך געפרייט, וואָס מענטשן לאַכן,
ווען איר גיט זיך איין זיי נאָכצומאַכן.
איינמאָל, ווען די פּריצה פון אַ וואַנע האָט גענאָסן,
געמט זי וואַרטן, אין אַ ווינקעלע פאַרשטעלט;
ווי די פּריצה איז אַרויס און האָט די טיר פאַרשלאָסן —
טוט די שטיפערקע א נעם זיך צו דער זאך און קוועלט:
דרייט זיך, ווי אַ מילכל־פליגל,
כאַפּט דער פּריצהס מאָרגן־טשעפּיק, ליילעך, שפּיגל
און אין וואַנע פריש און יונג
שפּרונג!
געמט זיך אויפדרייען די קראַנען
לעבעדיק און פלינק,
אַרויף, אַראָפּ, אויף רעכטס, אויף לינקס —
קאָכיק וואַסער שוין פאַראַנען!
וואַרעם, א מחיה, אַ גן־עדן, אַ דערקוויק!
טראַכט די מאַלפּע: ס'האָט געטראָפן מיר אַ גליק!
און זי געמט זיך פּראַווען שטיק,
טוקט זיך אונטער, קערט זיך איבער, אויפן אָרט זיך טײַטשעט,
אַזש ס'ע ווערט דאָס וואַסער צעקאַליטשעט.
אָבער — עפּעס ווערט צו וואַרעם, כלעבן...
עפּעס צופיל... הייס!
עט! אַ מאַלפּע איז קיין קאַלב נישט. כ'ווייס!

זי וועט זיך אַן עצה געב
ווו דאָס קאָביק וואַסער לויפט — די לאַד
מיט א פינגערל פארשטעקן, אָפּשטעלן דעם קאַר.
אוי, א בראָר!
גוואַלד! עס סאַרפעט! שוין קיין צייט נישט אויף קיין עצות,
און די מאַלפּע כאַפּט די פיסלעך אויף די פּלייצעס.
לויפט דאָס קאָביק וואַסער נאָך זי שנעל,
אַזשע ביז דער שוועל.
ס'איז קיין שפּאַס נישט, ס'ברומט די זוילן...
און, זיך נישט צו פוילן,
שפּרונג אין פענצטער... בעגין! — אַנטלאָפן
אין געפריים זיך אין געמיט —
בלויז די פינגער אָפּגעבריט! —
תמיד מרעפט מיט מאַלפּעס, ווי מיט דער האָט זיך געטראָפן.

פאַני יאָוויאַלסקי:

אוי גאָט אין הימל! וואָס אים ליגט אין קאָפּ!

יאַנוש:

וועמען זשע דאַרף עס מיינען?

פאַן יאָוויאַלסקי:

טוט אין מיש א קלאַפּ גאָר ווער,
תיכף רופט זיך אָפּ די שער.

יאַנוש:

איך זע, אז דאָס צילט אין מיר.

פאַן יאָוויאַלסקי:

א ו י ף ן ג נ ב ב ר ע נ ט ד אָ ס ה י ט ל.

יאַנוש:

אזא איז עס די האַנקבאַרקייט פאַר מיינע באַמיונגען צו פאַרווילן אייער גנעדיקייט?

פאַן יאָוויאַלסקי:

זיי נישט ביוז, זיי נישט ביוז; ווייסט דאָך, אַז איך האָב ליב א שפּאַס צו מאַן; און חוץ דעם —
וואָס עס פייניקט מערער,
מאַכט דעם שכל קלערער.

קאַמערדאַמע:

שוין צופיל האָט איר ליב צו שפּאַסן, כ'זאָג עס אָפנהאַרציק, איך האָב ליב צו זאָגן דעם אמת, פּאַמעליעך, העפלעך און אויסדריקלעך. צוליב

אַ שפּאַס זענט איר מקריב די אָנשטענדיקייט און אפשר נאָך עפּעס מער,
אויב איר דולדעט, אַז העלענע זאָל זיך געפינען אין אַזאַ געזעלשאַפט.
Cést mal *

פאַן יאָוויאַלסקי:
(אפּארט)

וואַסער איז דאָ פיל,
לאָמיר לאָזן דרייען זיך די מיל.

יאַנוש:
דאָס איז אַ גראָבער יונג, אָן מינדסטער העפלעכקייט.

פאַן יאָוויאַלסקי:
פּאַנוואַנען ווילט איר, זאָל ער זי האָבן? דאָס טרעפן זיך נאָר ביי די פּראָ= צוויזן פאַלן פון אויסערגעוויינלעכער העפלעכקייט, ווי דאָס מאַכט אונדז קלאָר דער פאָלגנדיקער אַנעקדאָט.

יאַנוש:
אַך!

פאַן יאָוויאַלסקי:
— „זייט מוחל מיר מיין אומגעשיקטקייט, משפּט ניש
צום שלעכטן, —
אַ תלין זאָגט צון אַ באַנדיט: כ'בין תלין ערשט פון נעכטן".
— זשענירט זיך נישט, איך בין דערין לחלוטין נישט געניט —
דאָס איז מיין ערשטע תליה, — ענטפערט העפלעך דער באַנדיט.

פאַני יאָוויאַלסקי:
אַך, אייער גנעדיקייט! אַפּשניצלער! אַפּשניצלער!

יאַנוש:
אייער גנעדיקייט ווייסט אפשר נישט, אַז שוין אַ שעה צייט שמועסט דער פאַן קורעק אויג אויף אויג מיט דער פאַננע העלענע.

פאַן יאָוויאַלסקי:
מסתמא ווילט עס זי, אָדער גיכער פּאַסט זי זיך צו צו אייער פּאַרלאַנג.
איר האָט דאָך אַליין געוואָלט.

יאַנוש:
ווידער! פאַניע יאָוויאַלסקי! פאַניע האַרציקער! קעניג! חזרט נישט איבער די דאָזיקע ווערטער „איר האָט אַליין געוואָלט", ווייל כ'וועל פון זינען אַראָפּ.

---

* דאָס איז שלעכט.

פאַן יאַוויאַלסקי:

אויב אַזוי, וועל איך זאָגן: איר האָט אַליין נישט געוואָלט, אַז העלושע זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם־אָ שפּאַס. אַזוי, גוט?

יאַנוש:

נישטאָ קיין ראַטונעק, איך מוז ליידן. אָבער איך בעט זיך צו פאַרטראַכט׳ אַז ס׳װערט דאָ וואָס אַמאָל ערגער...

פאַן יאַוויאַלסקי:

וואָס טיפער אין וואַלד, אַלץ געדיכטער ביימער.

יאַנוש:

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איף מיר מיטן פאַלאַש.

פאַן יאַוויאַלסקי:

באמת?

פאַני יאַוויאַלסקי:

גייט זשע נישט אהין, פאַניע יאַוויאַלסקי.

פאַן יאַוויאַלסקי:

ווער האָט אים געגעבן אַ פאַלאַש?

יאַנוש:

איך האָב געהייסן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

נו, האָט איר ראָד אַליין גע... ניין, ניין, איר האָט אַליין נישט געוואָלט, ער זאָל נישט האָבן קיין פאַלאַש. אָבער וואָס פאַר אַ קונדרישע מורא! וואָס קאָן ביי מיר אין הויז, צווישן אַזויפיל מענטשן, טאָן אַ נעבעכדיק שוסטערל? ער פאַרשטייט איצט גאַנץ גוט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, אָבער ער ווילט מיך נאָך אַליין.

(אַפּאַרט)

און נאָך מער יאַנוש. —

(הויך)

העלושע ווידער איז נישט קיין קינד, זי ווייסט, וואָס זי טוט.

קאַמערדאַמע:

מיין שעהסטער גאָטזעליקער מאַן, גענעראַל־מאַיאָר טוז, האָט געהאַט אַ גע־וווינהייט צו זאָגן: אַ באַווייז פון גוטער דערציונג איז — מעסיקייט אין אַ שפּאַס. — Vou comprenez? *

---

* איר פאַרשטייט?

פאַן יאָוויאַלסקי:

אַ שפּאַס איז אַקוראַט ווי זאַלץ —
כאַפּסטו איבער, מאַכסטו קאַליע אַלץ.

דעריבער זאָג איך אייך צו, אַז דאָס וועט דויערן נאָר ביז מיטאָג. אָבער דערפאַר זאָגט איר מיר צו, איבערהויפּט יאַנוש, אַז ער וועט זיין איינ־געם פלאַן...

יאַנוש:

אַך, מיינער!...

פאַן יאָוויאַלסקי:

זאָרגעוודיק אײַספּירן. איר זאָגט צו? אַנישט איז ביז מאָרגן.

יאַנוש:

(קוקנדיק אויפן זייגער)

האַלב איינס — נאָך אַ שעה — נו, זאָל זיין אַזוי.

(אפּארט)

אָבער דערנאָך וועל איך זיך מיט דעם הולטאַי פאַר זיין פאַרשטעלטער הוצפּה אָפּרעכענען.

פאַן יאָוויאַלסקי:

נו, ווערט אויפגעלייגטער און העלפט אים צו צו דער פאַרוויילונג, ווייל איך האָב ליב זיך צו ווילן — יעדע אומפּינקטלעכקייט פון אייער זייט, וועט דערפירן צום פאַרלענגערן אויף א שעה אָט־די קאָמעדיע.

סצענע XI

פאַן יאָוויאַלסקי, פאַני יאָוויאַלסקי, יאַנוש, קאַמערדאַמע

יאַנוש:

וו זשע זענען זיי?

קאַמערהער:

כ'האָב זיי פאַרשלאָסן אין מיין צימער.

יאַנוש:

צוזאַמען, צוזאַמען?

קאַמערהער:

צוזאַמען.

יאַנוש:

צוזאַמען, פאַניע קאַמערהער! פאַניע יאָוויאַלסקי, פאַני קאַמערדאַמע, פאַ־ני יאָוויאַלסקי, ער האָט זיי צוזאַמען פאַרשלאָסן!

פֿאַן יאָוויאַלסקי:

דאָס איז שוין צוביסל צופֿיל. פֿאַניע יאַן. וואָס צופֿיל, איז אומגעזונט, ווי עס זאָגט אַ שפּריכוואָרט.

פֿאַני יאָוויאַלסקי:

פֿאַניע יאַן! פֿאַניע יאַן!

קאַמערהער:

וואָס איז דאָ פֿאַר אַ בייז, מאַמעלע?

קאַמערדאַמע:

מיין ערשטער גאָטזעליקער מאַן, גענעראַל-מאַיאָר מוז, האָט אין יאָר 1807...

יאַנוש:

איז אפֿשר האָב איך אייך דאָס געוואָלט? איך בעט אייך, איך בעט צום-אונטערטעניקסטן — צי האָב איך אייך דאָס געוואָלט? איך לויף.

קאַמערהער:

שטייט נאָר! נאָך וואָס?

יאַנוש:

עפּעס.

קאַמערהער:

אפֿשר אַרויסלאָזן?

יאַנוש:

לאָזט מיך.

קאַמערהער:

וואָס פֿאַר אַ מחותן זענט איר צו מיינע שטיגליצעס?

יאַנוש:

דאָ גייט נישט קיין רייד וועגן שטיגליצעס.

קאַמערהער:

וועגן וואָס דען?

פֿאַן יאָוויאַלסקי:

איינער קיין איסי, דער צווייטער קיין סטריס. וואַרט נאָך, שטייט! דער גרויסער קרוינישער קאָך-מייסטער רעדט וועגן פֿייגעלעך, וואָס ער האָט אַוודאי געפֿאַנגען, און דער גרויסער אָר-מייסטער פֿרעגט וועגן זיין האַר דעם סילטאַן מירזא...

סצענע XII

פאַן יאַוויאַלסקי, פאַני יאַוויאַלסקי, יאַנוש, קאַמערהער, לודמיר

(העלענע און די קאַמערדאַמע, טווישנדיק עטלעכע ווערטער אין דער טיף, קומען אַרוים צוזאַמען)

לודמיר:

איך בין זייער קאָנטענט, וואָס איר זענט דאָ אַלע צוזאַמען. גרויסער קאָכמייסטער, דער האַר וויל עסן — האָט מיטאָג איז פאַרטיק?

קאַמערהער יאַוויאַלסקי:

גאַטנישט, ליכטיקסטער האַר

לודמיר:

וואָס זשע האָסטו געטאָן ביז איצט? כ׳וועל באַפעלן אַ קיצל טאָן מיט רימען.

(צו יאַוויאַלסקין)

סטרוזש פונעם שטעמפּל, ס׳נודיעט מיר.

פאַן יאַוויאַלסקי:

וואָס באַפעלסטו?

לודמיר:

ווייל מיר!

(זעצט זיך אויס אויף צוויי שטולן)

אָר און מייגסטער! אַ לולקע!

קאַמערהער יאַוויאַלסקי:

דער ליכטיקסטער האַר רופט.

לודמיר:

(צו יאַנושן)

פאַרגעסט ביז בעת דעם דינסט — איך וועל הייסן אין שניי דיך איינקאַפּען, ברענג די לולקע!

יאַנוש:

פאַרשאָלטענער...

פאַן יאַוויאַלסקי:

(דראָענדיק)

אַ שעה!

יאַנוש:

כ'וועל באַלד ברענגען.

(אַפּאַרט)

הולטאַי!

לודמיר:

דערום, שטעמפּל-היטער, זאָג מיר עפּעס פרייליכס, אַז איך וועל זיך כאַפּן אַ חושים.

פאַן יאַוויאַלסקי:

גוט, ליכטיקער האַר.

(אַפּאַרט)

אַ לוסטיק באַשעפעניש.

(צום זון)

פאַניע יאַן, הערט:

צוליב אַ קלייניקייט קאָן אָפט צו אַ מחלוקת קומען.
אַמאָל האָבן מאַן און ווייב צו שפּאַרן זיך גענומען —
דער מאַן געטענהט האָט: הגם די קינדער זענען שיין,
דאָך זענען זיי צו אים נישט ענלעך, נו, לחלוטין ניין!
דאָס ווייב: — לויט שיינקייט, זאָל קיין עין-הרע זיי נישט שאַטן,
ווי וואַסערטראָפּן צו אייננאַנדער, ענלעך צו דעם טאַטן. —
און זייער קריגעריי פאַרוואונדערט האָט איעדן האָן,
ווייל אמת זאָגט דאָס ווייב, און ס'מאַכט קיין טעות נישט דער מאַן.

פאַני יאַוויאַלסקי:

אוי, מיין גאָט! וואָס זיין גנעדיקייט רעדט עס אַליין נישט אויס!
אָפּשניצלער! אָפּשנ צלעך!

לודמיר:

(צו יאַנושן, וואָס דערלאַנגט אים אַ לולקע, אַוועקדרייענדיק דאָס פּנים)

הובקע* איז דאָ?

יאַנוש:

(דורך די ציין)

ס'איז דאָ.

לודמיר:

בלאָז אונטער!

יאַנוש:

(אַפּאַרט)

אַך! וואָלט איך דיך אונטערגעבלאָזן, אונטערגעבלאָזן!

---

* אַזאַ טרוקענער שוואַם, וואָס מע צינדט אים אָן מיט אַן ארויסגעשלאָגענעם פונק, ווען מע צעבלאָזט.

לודמיר:

נו, אַלטיטשקער! ווייטער! דו דערציילסט שיין — רעד ווייטער!

פאַן יאַוויאַלסקי:

(צו יאַנושן און דעם קאַמערהער)

זעט, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אַ שאַרפזיניק ווערטל. די נאַטור באַפעלט אַפילו אַ פּראָסטן מענטשן צו געפינען אַ טעם אין מיין שטייגער רעדן.

קאַמערהער:

דער פעטער האָט פאַרביטן
אַ קאַראָטע אויף אַ שליטן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

וואָס איז דאָס?

קאַמערהער:

אַ שפּריכוואָרט.

פאַן יאַוויאַלסקי:

אָבער קענט וואָס זאָגט איר דאָס?

קאַמערהער:

קענען גאָרנישט

(פאַן יאַוויאַלסקי קוועטשט מיט די פּלייצעס).

לודמיר:

עפּעס פריילעכס, אַלטיטשקער!

פאַן יאַוויאַלסקי:

(נאָך אַ קורצן שווייגן)

דריי שמיצלעך האָט אַ ייִנגל וויליק צוגענומען —
פאַר זיי אַ שטיקל ווורשט באַקומען.
און ווי ער טוט מיט דער מציאה זיך אַ לאָז,
און נעמט זי, ווישנדיק די טרערן, שמעקן מיט דער נאָז,
אַ הונגעריקער שילער קומט אַנטקעגן אָן צו לויפן
און שרייט: וואַרט צו נאָך, עס גישט, בּ'וויל עס ביי דיר קויפן
— אַ חכם! — שרייט דער קליינער באַלעבאָס:
כ'האָב פאַרן ווורשט דריי שמיץ אַריינגעכאַפּט גאָר־וואָס.
— איז קאָנסטו פינף מיר גיבן. —
מע נעמט זיך דינגען. ס'איז געבליבן —
ער גיט אים זעקס, אַן עק;

דער שילער האָט באַקומען אַלץ און איז אַוועק.
גענוי באַחשבונט: אַ פּראָצענט אַ פֿיינער,
און דאָך — דער קלייגער סוחר מיינער
באַדאַכט די אויגן לאָזט אַראָפּ
און קראַצט זיך עפּעס שטיל אין קאָפּ. —
נישט בלויז מיט שילער טרעפֿט זיך,
אַז מיט אַזאַ סך־הכּל ענדיקט אַ געשעפֿט זיך.
גאָר אָפֿט זיך טרעפֿט,
אַז אַ געשעפֿט
וואָס דאַרף דעם ווירט באַגליקן —
דער ווילדער גורל נעמט עס שטיקן.
דאָס רייכטום גייט צום גרונט,
און דאָס פֿאַרדינסט איז — ווײ און וונד.

פֿאַני יאַוויאַלסקי:
גרויסער גאָט! ווײ און וונד! וואָס רעדט פֿאַן יאַוויאַלסקי טראַכט דאָס אַליין נישט צו!
לודמיר:
נו, איצט איז דיין ריי, אָך און מייסטער! וואָס קאָנסטו טאַנצן — זינגען? וואָס? — דער האַר פֿאַרוועדט און זיין לאַנד אומעט — ווער ס'וועט נישט וועלן גוטוויליק פֿרייליך זיין, וועט דערצו געצוווּנגען ווערן.
יאַנוש:
איך קען נישט גאָרנישט.
לודמיר:
ביסט אַ hebes * וואָס?
(אויפשטייענדיק)
נו,, איך האָב דאָס גענוג.
(מיט אַן אַנדערן טאָן)
אייערע באַמיונגען, מיינע הערן, זענען ליב אונדזער פֿאָטערלעך האַרץ. איר האָט זיך באַמיט מיך צו פֿאַרווײַלן מיט אַלע מיטלען און, האַלטנדיק זיך ביים גאָלדענעם מיטן, פֿולשטענדיק איינגעשטעלט מיינע איבערטראַכטענישן, וואָס דריגגען אַרויס פֿון די פֿאַרהעלטענישן. נעמט צו, מיינע הערן, מיין האַרציקן דאַנק און זייט זיכער און מיין אומפֿאַרענדערלעכן חסד און גינציקייט צו אייך.

---

* (פֿון לאַטיין) אַ טיפּש.

(אַלגעמיינע פאַרוווּנדרונג)

איר וווּנדערט זיך, וואָס איך רעד צו אייך מיט אן אַנדערן לשון, ווי ביז איצט. דאָס צורירן זיך צום טראָן ענדערט דעם מענטשן. כ'בין שוין נישט דער, וואָס געווען. — ווייל, געערטער קאַנצלער, דיר איז געווים באַקאַנט דאָס שפּריכוואָרט:

שטרעק נאָר אויס מיר, גליק, דיין האַנט,
וועל איך האָבן שוין פאַרשטאַנד.

(פאַן יאַוויאַלסקי, אַ פאַרוווּנדערטער, קאָן נישט אַרויסברענגען קיין וואָרט, ציט זיך אויף אַ טראָט צוריק, לודמיר נאָך אים — דאָס זעלבע נאָך יעדן שפּריכוואָרט)

ווען ס'וועט דאָס גליק דיין דריידל דרייען,
וועט אויך דיין קאָפּהאָן געמען קרייען!
אָדער אויך פאַרקערט, קאַנצלער מיינער:
אויך דער חכם ווערט אַ נאַר,
ווען ס'פאַרצערט אים פּיין און צער.
ס'איז בעסער אַ פונט גליק אין האַנט,
איידער אַ צענטנער פאַרשטאַנד.

פאַן יאַוויאַלסקי:

(אַ צעחושטער, ערנסט)

ליכטיקסטער האַר!

(צום ווייב)

מאַלגאָשע, דאָס איז עפּעס אַ גרויסער מענטש!

קאַמערהער:

(אפּאַרט)

פאַניע יאַנויש, וואָס באַדייט עס?

יאַנוש:

(אַפּאַרט, צום קאַמערהער)

דאָס באַדייט שלעכט — וואָס אַמאָל ערגער — איצט פאַרשטיי איך דעם העלענען.

XIII סצענע

די זעלבע, לאַקיי

לאַקיי:

דער וואָיט האָט געבראַכט צו פירן עפּעס אַ וואַנדערער.

פאַן יאַוויאַלסקי:

צו וואָס? צו וועלכן?

לאקיי:

ער האָט געוואָלט אין האַרץ דינגען פעהר.

לודמיר:

(אפארט)

וואָס איך הער! וויקטאָר!

לאקיי:

נישט האָבנדיק קיין קליינגעלט, האָט ער געוואָלט אויסבייטן א דוקאַט.

לודמיר:

(אפארט)

אויסגעצייכנט!

לאקיי:

דעם וואָס האָט עס איבערראַשט — ער האָט געפרעגט אויף א פּאַס — קיין פּאַס איז נישט געווען.

לודמיר:

(אפארט)

איך גלייב עס, ווייל ער איז ביי מיר.

לאקיי:

דערבאר פרעגט זיך דער וואָס — וואָס הייסט איר מיט אים טאָן?

לודמיר:

זאָל ער אריינקומען אהער.

לאקיי:

איר באפעלט?

לודמיר:

איך באפעל.

קאמערהער:

(צו יאַנושן)

אפשר וועט איר הייסן אים איבערטאָן.

יאַנוש:

לאָזט מיך צורו!

סצענע XIV

די זעלבע, וויקטאָר

(ציט זיך צוריק מיט פאַרוואונדערונג, דערנאָך קוקט ער פון איינעם אויפן צווייטן — א רגע שווייגן)

לודמיר:

נעגפער!

וויקטאָר:

איך דו ביסט דאָ! אָבער וואָס הייסט עס?

לודמיר:

טאַמבאַמבוקטוהאַן.

וויקטאָר:

ס'ליגן מיר איצט טאָקע וויצן אין זינען — ווער איז דער באַלעבאָס?

לודמיר:

מיחזאַ אלי מוסטאַפאַ.

וויקטאָר:

(צו די אַנדערע)

מיינע הערן...

לודמיר:

ווער ביסטו?

וויקטאָר:

מטורף!

לודמיר:

וו איז מיין קאַסיר? זאָל ער אָפּציילן אָט דעם יונגערמאַנטשיק צוויי הונ=דערט שמיץ מיט א קאַנטשיק אין די פּיענטעס.

וויקטאָר:

גיב מיר אָפּ מיין פּאַספּאָרט, דערנאָך מאַך זיך משוגע, וויפל דו ווילסט.

פאַן יאַוויאַלסקי:

ווער ביסטו, פריינד?

וויקטאָר:

איך בין קיינער, נאָר איך הייס וויקטאָר*. כ'האָב געמאַכט א רייזע, דער רוח וויים צו וואָס, אדאַנק אָט דעם מטורף, וועלכער שפּילט זיך הויאיק א קאָמעדיע, בעת מיך האָט מען ווי א לאָטער געבראַכט צו פירן פּונעם דאָרף. דערלויבט מיר זיך זעצן, ווייל איך שטיי קוים איין אויף די פיס.

קאָמערהער:

(צו יאַנושן)

בראַוואָ! דער צווייטער איז אויך פּונקט אזא!

יאַנוש:

(צום קאַמערהער)

נישט גוט, נישט גוט.

---

* וויקטאָר הייסט אויף לאַטיין — זיגער.

לודמיר:

גענוג די שפּאַסן. — יאָ, פּאַנאָוויע, דאָס איז מיין פריינד און חבר.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

אָבער ווער ביסטו, אייער גנעדיקייט? ווייל, נישט צו באַליידיקן, אַ שפּריכ־וואָרט זאָגט:

— גלייבסט נישט דעם ציגיינערס רייד׳עס,
שטעלט ער זיינע קינדערלעך פאַר ערות.

לודמיר:

איך בין אַ ליבהאָבער פון פּאָעזיע — ער פון מאָלעריי; איך הייס לודמיר, ער — וויקטאָר; דאָס איבעריקע, אויב ס׳איז נייטיק, וועלן קלאָר מאַכן אונדזערע פּאַפּירן. איצט דאַרף איך איבערבעטן אַלע הערן לויט דער ריי פאַר דעם, וואָס איך האָב זיך דערלויבט צו באַנוצן דאָס רעכט פון ריוואַנש.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש — גאָרנישט בחינם. —
אַ שטיק פאַר אַ שטיק,
פאַר אַן אינדיק אַ ביק.

לודמיר:

כ׳בין נישט געשלאָפן אין גאָרטן, נאָר געלאָזט זיך אַריבערטראָגן, כדי נישט קאַליע צו מאַכן די פאַרוויילונג.

קאָמערהער:

ס׳טוט מיר הנאה.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

דער טייוול איז נישט אַזוי שוואַרץ, ווי מע מאָלט אים.

יאַנוש:

אוי, איז ער אַ שוואַרצער, אַ שוואַרצער, פּאַניע גנעדיקער.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

מיר האָבן זיך צו גוט געוויילט אומבאַקאַנטערהייט, איך זאָל איצט, זיך באַקענענדיק, דערלויבן אויף אַ שנעלער צעשיידונג. היינט וועל איך אייך נישט אָפּלאָזן.

יאַנוש:

(אַפּאַרט)

אָט האָסטו דיר!

פּאַן יאַוויאַלסקי:

כ׳וועל הייסן אַראָפּנעמען די רעדער.

לודמיר:

דאָס איז צו שווער — ווייל מיר רייזן צופוס — אָבער ס'איז נישט נייטיק קיין צוואַנג — אין דאָזע אַנגעגעמער געזעלשאַפט וועלן מיר גערן פאַרווײלן עטלעכע טעג.

יאַנוש:

(אפארט)

עטלעכע טעג! דער צווייטער וועט זאָגן א וואָך.

וויקטאָר:

איך פאַרשטיי נאָך גאָרנישט — אָבער אבי ווייטער נישט צו גיין, איז אַלץ גוט.

פאַן יאַוויאַלסקי:

נו וואָס, יאַנוש? ביסט נאָך בייז.

(צו די אנדערע)

ס'קרענקט אים, וואָס מען האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. איבעריקנס, מיין ליבער, זענען מעגמושלעכע פּלענער, כמעט שטענדיק, ווי דיינער, געבויט אויף פאַנטאַזיע.

דער מענטש שיסט פון א פּיסטויל,

און גאָט טראָגט איבער די קויל.

יאַנוש:

איידער דער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלן, הלוואי וואָלט מיך בעסער א דונער...

פאַן יאַוויאַלסקי:

וואַרט, וואַרט! זאָלסט נאָך נישט ענדיקן, ווי יענער ליגנער — הערט:

— אויב כזאָג א ליגן, זאָל א דונער שוין מיך דאָ דערשלאָגן! —

הייבט אָן א ליגנער — גראָד האָט זיך א דונער אָנגעטראָגן.

דאָ נעמט ער איילן זיך די קללה צו פאַרטרייבן:

— ווי כ'בין א ליגנער און איך וויל עס אויך פאַרבלייבן.

פאַני יאַוויאַלסקי:

אָפּשניצלער! אָפּשניצלער!

פאַן יאַוויאַלסקי:

נו, איצט לאָמיר גיין זיך אַנטערקישן* פאַניע יאַן, ווייז די געסט זייערע גאַסט-צימערן.

---

* אויסטאָן די טערקישע טראַכט.

דריטער אַקט

סצענע I

קאַמערהער

קאַמערהער:

(אַליין. זיצט ביי אַ טישל, אויף וועלכן עס ליגן עטלעכע לייסטעלעך, און שניצט איינס, אונטערזינגענדיק. — דערנאָך מעסט ער עס צו צון אַ שוין אָפּגעשניצטן)

מע דאַרף נאָך שניצן.

(זינגט אונטער און שניצט, נאָך אַ קורצן שווייגן)

אַ גראָבס קאָן מען אָפּשניצן, אָבער פון אַ דינס מאַכן גרעבער, דאָס קאָן, צום קאַדיק*, קיינער נישט.

(נאָך אַ וויל שווייגן, זיך צעלאַכנדיק)

אַוודאי וועט עס קיינער נישט קאָנען.

(נאָך א קורצן שווייגן)

מע קאָן וועגן דעם אפילו א שפּריכוואָרט אויסטראַכטן — למשל: ס'איז גרינג א גראָב לייסטל... ניין: ס'איז גרינגער א דינס... שלעכט: א גראָב לייסטל וועט א דינס... ניין, ניין: ס'איז גרינג א לייסטל פון א גראָבס... א, זאָל דיר! פון א גראָבס, א גראָבס... דער שוואַרציאָר זאָל עס כאַפּן!

(לאַכט)

ס'רירט זיך נישט פון אָרט!

(מעסט די לייסטעלעך)

דערווייל וועט גענוג זיין.

סצענע II

קאַמערהער, העלענע

(קומט אַריין פאַרטראַכט, קוקט זיך אַרום, ווי זי וואָלט עמעצן זוכן, דערנאָך, אָנגעשפּאַרט זיך אויף דער פאַרענטש פון אַ שטול, קוקט זי אויפן פאָטערס אַרבעט)

העלענע:

(נאָך אַ קורצן שווייגן)

וואָס וועט'דאָס זיין, פאָטער מיינער?

---

* טייוול.

קאַמערהער:

א שטייגל, טאָכטערל מיינע.

העלענע:

איך וואָלט זיך נישט אָנגעשטויסן.

קאַמערהער:

ס'וועט זיין אזוי: פיר לייסטלעך ווי סלופיקלעך — פאַרשטייסט? און דאָ צוויי, פאַרשטייסט? און דאָ ריטלעך — פאַרשטייסט?

העלענע:

איצט פאַרשטיי איך.

קאַמערהער:

דאָס איז פאַר יענע קאַנאַריקלעך, וואָס איינס האָט א טשובּיקל, און דאָס צווייטע א טונקל לאָמקעלע. — ווייסט?

העלענע:

איך ווייס.

קאַמערהער:

וועלכע הענגען איצט איבער מיין בעט.

העלענע:

דאָס וועט זיין זייער שיין.

קאַמערהער:

(האַלטנדיק אין איין שניצן און צומעסטן)

וועסט זען, ווען כ'וועל ענדיקן.

העלענע:

(נאָך אַ קורצן שווייגן)

פאַן יאַנוש וואָלט אזעלכעס נישט געקאָנט.

קאַמערהער:

כ'מיין אזוי.

העלענע:

ער פאַרטראַגט נישט קיין פייגעלעך.

קאַמערהער:

א גרוביאַן.

העלענע:

ער קאָן אפילו נישט אונטערשיידן צווישן א גימפל און אַ שטיגליץ.

קאַמערהער:

און איזלקאָפּ.

העלענע:

אמת, ליבער פאָטער, אז איך וועל מיט אים נישט חתונה האָבן?

קאָמענדאַנט:

וועסט ניט חתונה האָבן, וועסט נישט חתונה האָבן, אויב נאַר, דו וועסט נישט וועלן, כ'האָב עס דיר שוין איינמאָל געזאָגט — און וואָס איך זאָג, האָב איך געזאָגט.

(העלענע וויל אים אַ קוש טאָן אין האַנט)

וואַרט נאָר! ווייל כ'וועל נאָך קאַליע מאַכן.

העלענע:

(נאָך אַ קורצן שווייגן)

פאַן לודמיר וועט האָ נאָך לאַנג פאַרווײַלן?

קאָמענדאַנט:

אוודאי עטלעכע טעג, אָדער עטלעכע וואָכן.

העלענע:

עטלעכע וואָכן.

קאָמענדאַנט:

דאָס פרייט דיך?

העלענע:

יעדנפאַלס מאַכט עס מיך נישט אומעטיק.

קאָמענדאַנט:

(באַטראַכטנדיק זיין לייסטעלע)

נאָך נישט ארומגעשקראַבעט.

העלענע:

נישט אַרומגעשקראַבעט! נישט ארומגעפּיילט, ווילסטו זאָגן, דאָס הייסט, ער איז נאָך פאַרזונקען אין דער פינצטערניש פון עם־הארצות? אָך, ניין, פּייערער כאָפּער. זיינע געפילן גייען שוין אריבער און אין אידעאַליזם, די קלאַנגען פון זיין נשמה זענען אזוי ריין, אזוי מילד, אז נישט ווילנדיק ציען זיי צו דאָס אַנטציקטע געהער.

קאָמענדאַנט:

דו רעדסט וועגן לודמירן?

העלענע:

יאָ.

קאָמענדאַנט:

ווייל איך האָב גערעדט וועגן דעם לייסטל.

(נאָך אַ קורצער פויזע)

געפעלט דיר, הייסט עס?

העלענע:

דאָס לייסטל?

קאַמערהער:

לודמיר.

העלענע:

וועמען זשע, ווער עס פאַרמאָגט אַ העכערע השגה וועגן גוטסקייט, קאָן נישט געפעלן אזא מענטש?

קאַמערהער:

טאָ האָב מיט אים חתונה.

העלענע:

דו שפּאַסט, ליבער פאָטער.

קאַמערהער:

פארוואָס שפּאַס איך?

העלענע:

מיר ווייסן נישט, ווער ער איז.

קאַמערהער:

אמת, מיר ווייסן נישט.

העלענע:

אָבער מיר קאָנען זיך דערוויסן.

קאַמערהער:

ס'איז נישטאָ קיין לייכטערס דערפון.

העלענע:

איך וועל זיך באַמיען אים גענוי צו דערקענען.

קאַמערהער:

באַמי זיך, מיין טאָכטער, גענוי.

העלענע:

ער האָט אַן אָנגענעמע אויסערלעכקייט.

קאַמערהער:

ווירקלעך, ער האָט אַן אויסערלעכקייט.

העלענע:

אויב ער וועט וועלן אוועקפאָרן, וועסטו דערויף קיין דערלויבעניש נישט געבן; אמת פאָטער?

קאַמערהער:

כ'וועל נישט דערלויבן אין קיין פאַל.

העלענע:

ס'וועט זיין א פרייד פארן גאַנצן הויז.

קאַמערהער:

ס'וועט דערפון גאָרנישט נישט זיין, המם! המם!

העלענע:

פארוואָס עפּעס?

קאַמערהער:

ס'איז פון איין זייט פּאַרפּוילט — זע.

(ווייזט דאָס ארומגעשניצטע לייסטעלע).

העלענע:

ס'איז לייכט צו קריגן אַן אַנדערס.

קאַמערהער:

ס'איז לייכטער אַ גראָב לייסטל, וואָס... יאָ; ס'איז לייכטער אַ גראָבס... וווהין זשע גייסטו?

העלענע:

כ'וועל זיך דורכגיין אין גאָרטן.

קאַמערהער:

גיי, העלושע, מיינע, כ'וועל דיר שיקן לודמירן, ווען כ'וועל אים זען.

(העלענע גייט אַוועק אין דער לינקער טיר).

(אַליין)

אָהאָ, האָ!... מע מוז זיך האָ אינגאַנצן אַנדערש נעמען צום ענין. — מער קאָן איך שוין נישט אויסהאַלטן. — די מיינסט, אַז מיט מיר קאָן מען מאַכן, וואָס דיר געפעלט? — ס'הייבט זיך נישט אָן. די וועסט ביי מיר גיין, פּאַניע גימפּעל, אין אַ באַזונדער שטייגל! — דער פינק וועט איבער-בלייבן מיטן קאַנאַפּליגגל — דער שטיגליץ וועט איבערגיין צום טשעט-שיק — דעם שוואַרצן דקעסלער וועל איך געבן איין אַפּצובראָטן.

סצענע III

קאַמערהער, יאַנוש

יאַנוש:

גוטן, וואָס איך טרעף אייך אַליין, כ'האָב טאַקע געוואָלט רעדן מיט אייך.

קאַמערהער:

גוט, זייער גוט, זעצט זיך.

יאַנוש:

עס קאָן נישט זיין פאַר מיר קיין אָנגענעמע זאַך צו זען יענע, וועלכע איך האָב מיר אויסגעוויילט פאַר אַ פרוי, אין דער געזעלשאַפט פון מענטשן פון דער גאַס.

קאַמערהער:

רעכט איר זייער גוט.

יאַנוש:

איבערהויפּט, ווען איינער פון זיי דערוועגט זיך מיר אונטער דער נאָז צו־צופּוצן צו אַ פּערזאָן, וועלכע איך האָב שוין פון לאַנג געהאַלטן פאַר מיין כלה.

קאַמערהער:

ער פּוצט זיך צו! אונטער דער נאָז! הערט אַ מעשה!

יאַנוש:

און דאָס ערקסטע איז, וואָס פּאַנגע העלענע דערנידעריקט איר השיבות, דערלויבנדיק זיך אויף פייערדיקע בליקן און געשפּרעכן איינס אויף איינס.

קאַמערהער:

באמת?

יאַנוש:

איך האָב דאָס אַליין געזען.

קאַמערהער:

אמת, איר האָט דאָס אַליין געזען.

יאַנוש:

באַוויליקט דעריבער אויפצוקלערן דער טאָכטער...

קאַמערהער:

זייער גוט, כ'וועל איר אַלץ אויפקלערן.

יאַנוש:

קאָן איך הייסט עס זיך פאַרלאָזן אויף אייער צוזאָג.

קאַמערהער:

בלי־שום־ספק.

(וויל אַוועקגיין).

יאַנוש:

(פארהאלטנדיק אים).

נאָך איין וואָרט.

קאַמערהער:

כ'האָב נישט קיין צייט — איך מוז — כ'מוז גיין אין גאָרטן נאָך ריטלער.

יאַנוש:

נאָך ריטלער! אָבער ס'גייט דאָך דאָ וועגן אייער טאָכטער.

קאַמערהער:

אַ שטייגל שטערט נישט מיין טאָכטער.

יאַנוש:

בלויז איין וואָרט.

קאַמערהער:

איר ווילט, קומט מיט מיר — איך האָב נישט ליב צו פאַרלירן קיין צייט — איר האָט אַ מעסער ביי זיך?

יאַנוש:

גיי איך, אויב אַזוי, כצייי.

(אַפּאַרט)

די קאַמער־האַמע האָט ריכטיק געזאָגט.

(גייען אוועק דורך דער לינקער טיר).

סצענע VI

לוחמיר, וויקטאָר

לוחמיר:

(פון דער מיטלסטער)

וויקטאָר:

(פון דער לינקער טיר, שפּעטער אַביסל)

לוחמיר:

און וואָס איז דאָס? כ׳קריך אַרום פון איין ווינקל אין אַנדערן — קאָן קיינעם נישט טרעפן. וואָס זשע מיינען זיי זיך? אַז איך וועל זיך דאָ פאַרהוויילן אַ יאָר, כדי זיי צו באַשרייבן?

(צו וויקטאָרן)

האָסט נישט געזען עפּעס אַ יצווייגל פון דעם יאַוויאַלסקי־שטאַם?

וויקטאָר:

(אין שלעכטן הומאָר)

כ׳האָב באַגעגנט דעם קאַמערהער מיט יאַנושן, זענען געגאַנגען צום גאָרטן.

לוחמיר:

יעדע ווייל, פאַרבראַכט אַן וועמען עס איז פון דאָזיקן הויז, איז אַ פאַר־לוסט פאַר מיין וועלט. איך גיי זיי נאָך — זוך, און קאָן קיינעם נישט געפינען. — וואָס זאָגסטו מכוח אונדזערע היינטיקע פּאַסירונגען.

וויקטאָר:

זייער לוסטיקע.

לוחמיר:

דו ביסט נאָך אין כעס, אָבער לחלוטין אומזיסט.

וויקטאָר:

זאָג, וואָס דו ווילסט, אָבער איך קען דיך צו גוט, כ'זאָל גלייבן, אַז דאָס פֿאַרהאַלטן מיין פּאַס איז געווען בלויז אַ צופֿאַל.

לודמיר:

ערגעוואָרט, אַז אַ צופֿאַל — אָבער איך בין אָפֿנהאַרציק מודה, אַז כ'וואָלט עס זיכער געטאָן, ווען מיר וואָלט דעמאָלט איינגעפֿאַלן אַזאַ גליקלעכער געדאַנק. —

(נאָך אַ קורץ שווייגן)

כ'האָב שוין געהאַט עלף קאַפּיטלען; איצט גייט דאָס קאַפּיטל XII: דאָס אָנקומען קיין „פּוסטאַקוויקע" און די צעשיידונג מיט וויקטאָרן.

וויקטאָר:

כ'בעט, מיך נישט צו דערמאָנען.

לודמיר:

דאָס פֿאַרשטייט זיך, דאָס איז נאָר דערווייל. — כ'וועל דיר געבן אַן אַנדערן, פּאַסיקן פֿאַמיליע־נאָמען.

וויקטאָר:

אַ פּאַסיקן — וואָס פֿאַר אַ?

לודמיר:

למשל: — פֿייערפֿלאַם.

וויקטאָר:

(לאַכנדיק)

מטורף!

לודמיר:

קאַפּיטל XIII: דאָס אַריבערטראָגן לודמירן אין הויז פֿון די יאַוויאַלסקיס.

וויקטאָר:

און לודמיר, ווי וועט הייסן? איך וועל אים אַ נאָמען געבן, אָדער כ'וועל נישט געבן קיין צייכענונגען.

לודמיר:

גוט, גיב אַ נאָמען — אָבער געדענק, אַז דאָס איז דער העלד פֿון דעם ווערק — קיין לעכערלעכן נאָמען טאָר מען אים נישט געבן.

וויקטאָר:

כ'וועל אויסזוכן אַ פּאַסיקן.

לודמיר:

קאַפּיטל XIV: דער מאַסקאַראַד אַזוי. קאַפּיטל XV: העלענע... דו ווייסט, אַז יאַנוש איז אייפֿערזיכטיק — איך מוז זיך דעריבער אַ ביסל צופּוצן צו העלענען, דאָס וועט מיר געבן דאָס קאַפּיטל XVI.

וויקטאָר:

געפינסט עס אין פּאַר פּאַסיק?

לודמיר:

פאַרוואָס נישט? — כ'קליב צונויף זאַנגען אויף מיין פעלד, אויפן פעלד פון קאַמיזם.

וויקטאָר:

ס'איז אַ פיינער קאָמיזם: צעקריגן אַ פּאָרל, וואָס האָט זיך קעגנזייטיק ליב.

לודמיר:

לחלוטין נישט קעגנזייטיק. העלענע קאָן יאַנושן נישט אָנקוקן, און איך שעץ זי דערפאַר מערער, ווייל וואָס קאָן זיין אומרעדטרעגלעכערס, ווי אָט די פיגור, דער טאָפּל-נאַר — ווייל ערשטנס איז ער נאַריש, מחמת ער האָט נישט קיין פאַרשטאַנד; און צווייטנס, ווייל ער מיינט, אַז ער האָט פאַרשטאַנד. העלענע איז אַ שיינע, און קאָפּ איז בײַ איר אַביסל צעדרייט, אָבער זי האָט גרויסע מעגלעכקייטן, מע וואָלט זיי קענען לייכט אַנטוויקלען.

וויקטאָר:

שטעל זיך אָן פאַר אַ גוווערנער.

לודמיר:

מע זאָל מיך נאָר צונעמען.

וויקטאָר:

פרוו, ס'איז דאָך דאָ אַ משוגעים-הויז.

לודמיר:

העלענע איז אַ ראָמאַנטישע, אפילו משוגנה ראָמאַנטיש, אויך איך...

וויקטאָר:

דו אַ ראָמאַנטישער?

לודמיר:

מוז מאַכן אַן אָנשטעל. — קיינמאָל לאָזסטו נישט ענדיקן.

וויקטאָר:

דו קאָנסט אַפילו קיין אָנשטעל פון אַ ראָמאַנטישן נישט מאַכן. צי די וואָלסט געקאָנט באַגעגענען, וואָס האָס הייסט מיטגעריסן ווערן פון אַ געפיל; דו, וואָס וואָלסט קברים אויפגעעפנט, ווען זאָלסט וויסן, אַז דאָרט געפינען אַ זיסינקל קאָמיזם.

לודמיר:

אָהאָ! מע זעט, אַז דו ביסט נאָך בייז אויף מיר — ווייל אַזוי טראַכסט נישט. — פריילעכקייט שליסט נישט אויס געפיל. דער אויטאָר קאָן נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע געדאַנקען אַלס מענטש. וואָרן דער=

מיט וואָלט אים יעדער צווייטער געשמיסן פאַר יעדעס בלעטל. און דו, ווען דו האָסט נאָכגעמאַכט דאָס בילד פונעם באַרימטן גוואידאָ רעני*) „די שחיטה פון אומשולדיקע קינדער", ביסטו געווען אַ שלעכטער מענטש — און דיין מייסטער איז געווען אַ מערדער?

וויקטאָר:

אָ, שיין רעדן קאָנסטו, און ווייל דו קענסט, זיץ איך דאָ מיט ווייטיקן אין די פיס.

לודמיר:

אָבער דאָס קאַפּיטל XVII וועט זיין די קרוין פונעם גאַנצן ווערק: פייערפלאַמס געצווונגענער צוריקקער.

וויקטאָר:

(מיט כעס)

הייבסט ווידער אָן?

לודמיר:

שנייד מיר אָפּ די צונג, אָבער לאָז מיך רעדן. וואָס פאַר אַ פּאַסירונג! ס'איז אַפילו אַ שאָד צו באַשרייבן זי און פּראָזע. ווי אַזוי זשע איז עס פאָרגעקומען? דערציילט נאָכאַמאָל. האָסט געוואָלט דינגען יענעס פּורל, וואָס האָט דיך געוואָלט אַריבערפירן אין דיין שטיבל, געמיטלעך צימערל, צו דיינע בלייפעדערס, פּענדזלען, בילדער, וווּ דו האָסט געזאָלט אויסמאָלן יענע קלאַפּטערדיקע אויפשריפט — איך קאַוויר, אַז דו האָסט איר גאַנצע פאַרעם געהאַט אין קאָפּ... ווי דאָ פּלוצעם דער פאָן וואָיט. שטיי! — און דו וואָס דערויף?

וויקטאָר:

לודמיר!

לודמיר:

ביסט שוין ווידער אין כעס. — נו, שטילער שוין, שטילער.

וויקטאָר:

איך וועל דיר דאָס נישט מוחל זיין.

לודמיר:

וויקטאָר! דו האָסט אַ האַרץ פון שטיין, אויב אַזויפיל אוצרות קאָנען עס נישט רירן. יאַוואָלסקי, אַן אָריגינאַל, אַן אוצר; פּאַני יאַוואָלסקי, זיין

---

* גוואידאָ רעני — איטאַליענישער מאָלער 1575—1642.

שאָטן — אַ ווונדערבאַר פּאָרל, ווי יענע פּאַפּוגייען, וועלכע מע רופט les inséparables * די קאַמער־דאַמע, אַנומלטן נענעראַלשע, מיטן קוידערוועלשן פראַנצויזיש, אָבער די פאַרשטענדיקסטע; דער קאַמערהער אָט דיער צול, דער ליידיקער פּענבער אין אַ פּאַרוק; יאַנוש, וואָס פּאַר־שטייט צו לעבן פונעם גרייטן; העלענע, וואָס שוועבט אין די הימלען. דאָס אַלץ קאָן נישט אויסמעקן פון דיין זכרון די קליינע אומאַנגענעמ־לעכקייטן, וועלכע דו האָסט געהאַט צופעליק, ערגוואָרט, אַז צופעליק.

סצענע V

לודמיר, וויקטאָר, העלענע

לודמיר:

(אפארט צו וויקטאָרן)

העלענע קומט אהער — לאָז אונדז אליין — וייסט דאָר, אַז אין דרייען גייט עפּעס נישט.

וויקטאָר:

(ווי ער וואָלט נישט געהערט)

איר קערט זיך אום פון גאָרטן — געניסט פונעם שיינעם וועטער.

העלענע:

יאָ, איך בין געווען ביי מיינע בלומען; איך האָב דערהויבן די באַשיי־דענע פיאָלקע, וועלכע די שטאָלצע רויז האָט פארטונקלט. — די רעזעדע האָב איך פאראייניקט מיטן טולפּאַן; דאָ אַנגענעמער אַראָמאַט, האָרט שטאָלצנעקייט, צוזאַמען וועלן זיי בילדן אַ פולקאָמענע גאַנצקייט. — אַ ליליע פון לוימערער ווייסקייט האָב איך פאַרשטעלט פאַר דעם שיין־בלענער; אין שאָטן איז זי גליקלעך, אַזוי ווי די אומשולד, וואָס זי איז איר אָפבילד.

וויקטאָר:

ס'איז אַן אָנגענעמע באַשעפטיקונג, דאָס פלעגן בלומען.

לודמיר:

(אפארט)

גיי אַוועק, בעט איך דיך, וויקטאָר.

---

* די אומצעשיידטע.

וויקטאָר:

(ווי פריער)

און עס פאַרשאַפט אַלץ מער פאַרגעניגן, וואָס מער עמעץ איז מסוגל, אַרייַנגעבנדיק אין זיי אַ פּאַסיקע נשמה, צו שאַפן אַרום זיך אַ נייע וועלט פון געפילן.

לודמיר:

(אַפּאַרט)

גיי זשע שוין אַוועק, וויקטאָרל מיינער.

העלענע:

— אַ גוטע באַמערקונג — צווישן די דאָזיקע גיי־געשאַפענע נשמות קאָן מען מיט אונדזער פאַנטאַזיע געפינען ערלעך גליק. — דאָרט איז נישטאָ קיין פאַראַט, צביעות, אומדאַנקבאַרקייט.

וויקטאָר:

מע דאַרף זיך נישט צופיל...

לודמיר:

(אַפּאַרט)

גיי זשע שוין צום טייוול, איך בעט דיך!...

וויקטאָר:

מע דאַרף זיך נישט צופיל אַרייַנלאָזן אין פייגלעכע געדאַנקען, אַז די וועלט זאָל כלומרשט פול זיין מיט שלעכטס; און איר זעט אוים צו צילן דערצו.

לודמיר:

ברענג דער פּאַני עטלעכע בלומען. — ווי אַ זאַכקענער וועסטו קאָנען צונויפשטעלן זייערע קאָלירן און צוגעבן אַ מאָלערישע פאָרם דעם שמעקעדיקן בוקעט.

(אַפּאַרט)

גיי זשע שוין, גיי צו אַלדי רוחות!

העלענע:

אַך, ניין, איך בעט אייך, רייסט נישט אָפּ קיין בלומען; עס זענען אַזוי אויך קורץ די מינוטן פון זייער לעבן — בלויז איין אייביקייט־שמייכל — צו וואָס־זשע מיט האַסטיקער האַנט צואיילן זייער פאַרניכטונג. — אַ בלום, ווען זי פאַלט איינמאָל אַראָפּ, האָט זי שוין נישט קיין צוקונפט.

וויקטאָר:

לאַך זשע איצטער, לודמיר.

לודמיר:

פון וואָס האָב איך צו לאַכן?

וויקטאָר:

פלעגסט דאָך שטענדיק לאַכן, ווען איך פלעג מיך אויף אַזאַ אופן אַנט-ציקן מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור.

לודמיר:

(שטיל צו וויקטאָרן)

פאַרעטער!

וויקטאָר:

האָבט דאָס אָנגערופן מטורפע ראָמאַנטישקייט.

לודמיר:

איך? איך?

(צו וויקטאָרן אפּארט)

וואָס טוסטו? מענטש אײנער!

וויקטאָר:

איר וועט נישט גלייבן, וואָס פאַר אַ קריגערייען ס'קומען תמיד פאָר צווישן אונדז, הגם ס'זענען נישט פאַראַן אויף דער וועלט קיין בעסערע פרייַנד. — לודמיר נעמט אַלץ אויף אַזוי, ווי די חושים טראָגן אונטער.

(לודמיר טאָרקעט אים מיטן עלנבויגן)

ער דערלאָזט נישט קיין שום ענטוזיאַזם פון די נשמה-קרעפטן פון אוי-סער דער גרענעץ פון דער אָנטאַפּעוודיקער, אָדער לכל-הפחות מיט די אויגן געזעענער וועלט.

לודמיר:

(אפּארט)

גזלן!

העלענע:

איר פאַרוווּנדערט מיך נישט אויסצודריקן עס. איך האָב געהאַט אינגאַנצן אַן אַנדער איבערצייגונג; און פון די געשפּרעכן, וואָס איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו פירן מיטן פאַן לודמיר, האָב איך פאָרגעפילט גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער.

לודמיר:

אַזוי איז עס טאַקע אין דער אמתן.

וויקטאָר:

ער איז איצטער, כדי אייך צו געפעלן, גרייט צו מאַכן אָנשטעלן.

לודמיר:

(אפארט)

וויקטאָר, דאָס איז שוין צופיל.

וויקטאָר:

ער איז גרייט זיך אַוועקצוטראָגן אינעם ווייטסטן רוים פון אידעאַליזם, בעת אין דער אמתן גייט ער איבער דער ערד, ביז ער וועט אין אַ־פאַרזינקען.

לודמיר:

(צו וויקטאָרן)

מאַכסט מיך אומגליקלעך.

העלענע:

דערלויבט אָנצונעמען עס בלויז פאַר אַ וויץ, וואָס פאַרפאָלגט דעם פריינד.
— ס'איז לייכט אונטערצושיידן צווישן אַן אָנשטעל און אַן אמתן געפיל.
און ס'איז גענוג צו זיין מיט אַ מענטשן אַ האַלבע שעה, כדי אויפצוכאַפּ דעם פאָדעם פון זיין אַרט דענקען.

וויקטאָר:

אָבער נישט פון קיין אויטאָר.

לודמיר:

(לאכנדיק אויף א קול, געצוונגען)

וואָס פאַר אַ קאָפּ דאָס איז! וואָס פאַר אַ לייכטזיניקייט! אומאויסשעפּלעכע המציאות! איר וואָלט זיך זיכער קיינמאָל נישט אָנגעשטויסן, קוקנדיק אויף דער דאָזיקער ווילדער און בייזער פיזיאָנאָמיע, אַז דאָס איז איינער, וואָלט איך זאָגן, פון די פרייליכסטע און פיקחותדיקע מענטשן.
— ער איינער באַזיצט דעם טאַלענט פאַנאַנדערצעטרייבן די וואָלקנס פון מרויער, וועלכע באַליגן אַמאָל דעם האָריזאָנט פון מיינע געפילן. וואָרן ווערטער איז נישט באַקאַנט יענע אומקלאָרע בענקשאַפט, וועלכע כאַפּט אַרום אונדזער גאַנץ וועזן, און וואָס איר סיבה איז שווער צו אָנצושיידן — יענץ גאַרן, פאַרלאַנגען עפּעס אַזוינס, וואָס אַפילו דער פאַרגעפיל קאָן קוים דערזען אין דער צוקונפט, אַקוראַט ווי אַ בליק געוואָרפן אין אַ נעפּל, ווען ער יאָגט זיך נאָך אַ ליכט, וואָס ערגעץ...

(אָנווייזנדיק אין דער ווייט)

ערגעץ... ערגעץ...

וויקטאָר:

ער שרייבט אַ סצענע, גאַראַנטיר איך אייך.

לודמיר:

וויקטאָר!

וויקטאָר:

נישט אַ סצענע בלויז, נאָר אַ קאַפּיטל. — דאָס הייסט, דאָס XVIII, צי דאָס XIX?

לודמיר:

(אַפּאַרט)

צי דו ביסט משוגע געוואָרן?!

וויקטאָר:

איך ווייסט, וואָס ער רוימט מיר כסדר איין?

לודמיר:

ווער איך עס איבערחזרן אין דער הויך. צי ביסטו משוגע געוואָרן, אָנ־צוגיין אַזוי ווייט מיט אַ שפּאַס פאַר אַ פּערזאָן, וואָס מיר האָבן נישט דעם כבוד צו זיין איר באַקאַנט, און וואָס איך גוטע מיינונג וועל איך תמיד האַלטן פאַר איינער פון מיינע טייערסטע דערגרייכונגען אין מיין לעבן.

העלענע:

באמת — כ'ווייס איצט נישט, וואָס צו טראַכטן. — דער היינטיקער טאָג איז דוכט זיך באַשטימט אויף בלויז קאָמפּליקאַציעס, וואָס נאָר...

לודמיר:

דער אָפּקלאַנג פון געפיל קאָן אויפפלאַמען.

סצענע VI

די זעלבע, וויקטאָר

(דער קאַמערהער לויפט אַריין אונטערזינגענדיק, מיט אַ בינטל לייסטעלער אין האַנט)

קאַמערהער:

זע, העלושע.

לודמיר:

(אַפּאַרט)

האָסט אָוועקגעפּטרט, גזלן, די בעסטע געלעגנהייט צו שמועסן מיט איר.

וויקטאָר:

(אַפּאַרט)

באמת? פאַרוואָס זשע האָסטו באַלד נישט געזאָגט?

לודמיר:

(אַפּאַרט)

ביסט שוין פון לאַנג טויב געוואָרן?

וויקטאָר:

(אַפּאַרט)

ביידער זיך נישט, דאָס איז צופעליק, באמת צופעליק.

קאָמערהער:

(צו העלענען, ענדיקנדיק א שטיל געשפרעך)

איצט פאַרשטייסטו?

(לייגט אוועק די לייסטעלעך)

האָט איר זיך שוין אָפּגערוט פון וועג, פּאַנאָווע?

לודמיר:

פולשטענדיק.

וויקטאָר:

(אפארט, איראָניש)

אַוודאי.

קאָמערהער:

עס פרייט מיך זייער, וואָס איר וועט דאָ בלייבן אַ געוויסע צייט מיט אונדז, ס'וועט מיר זייער אָנגענעם זיין זיך נעענטער מיט אייך צו באַקענען. — פּאַן לודמיר...

(קושט אים אין ביידע באקן)

איר שרייבט ביכער?

וויקטאָר:

אָ, ער שרייבט! אַפילו איצטער...

קאָמערהער:

(נישט לאָזנדיק אים ענדיקן, ארומנעמענדיק)

פּאַן וויקטאָר...

לודמיר:

...איז איינער פון די באַרימטסטע מאָלער.

קאָמערהער:

הם!

לודמיר:

האָט נישט לאַנג צוריק פאַרענדיקט אַ גרויס ווערק. — ער וועט פאַרבלייבן דער שטאָלץ פונעם פאָלק, און אַפילו פונעם יאָרהונדערט, אין וועלכן מיר לעבן. — פון זיין קאָמפּאָזיציע, פענדזל און קאָלאָריט ווערן אַנטציקט אַלע זאַכקענער. — אויב איר, גנעדיקער פּאַן, האָט אַזעלכע בילדער, ווייזט זיי אים — מיט קיין זאַך וועט איר אים אַזוי נישט באַגליקן.

קאָמערהער:

אַזעלכע וויכטיקע בילדער האָב איך נישט.

לודמיר:

אפשר גראַווירן.

קאָמערהער:

בלויז „די פיר ציטן פון יאָר" און „די פיר טיילן פון דער וועלט".

לודמיר:

אַך, דאָס איז ביי אים דאָס באַליבסטע! גיי, וויקטאָר! — גיב אַ קוק!
(צום קאמערהער)
אָבער זאָל דער פאַן קאָמערהער נישט טראַכטן, אַז דאָס הייסט עס מיר די פריינדשאַפט אים לויבן. — דאָס איז אַ נייער ראַפאַעל־טיציאַן־גואידאָ־קאָרעדזשאָ־סאַלוואַטאָר ראָסאַ.

וויקטאָר:

שוין בלויז דאָס איבערטרייבן די שבחים באַווייזט, אַז מיין פריינד שפּאַסט.

קאָמערהער:

הייסט עס, איר מאָלט נישט?

וויקטאָר:

אַדרבה, איך מאָל יאָ. ס'וואָלט זיין אַן איבערטריבענע באַשיידנקייט צו פאַרלייקענען דעם טאַלענט, וואָס שאַפט מיין גליק אין לעבן. — אָבער כ'בין ווייט פון יענע מוסטערן, וואָס דעם פאַן לודמיר איז איין שפּאַס געפעלן געוואָרן אויסצורעכענען, כ'בין ערשט אַ שילער אַן אָנפאַנגער.

קאָמערהער:

נו, אָבער אַ שטייגל וועט איר דאָך קאָנען אָפּמאָלן?

וויקטאָר:

(זיך אויסדרייענדיק צו לודמירן)
וואָס איז דאָס? דאָס איז אַ באַליידיקונג?...

לודמיר:

וואָס הייסט, צי ער וועט קאָנען? ער האָט דאָס געטאָן זיין גאַנץ לעבן.

קאָמערהער:

באמת?

וויקטאָר:

ווער? וואָס? איך?

לודמיר:

(אפּארט צו וויקטאָרן)
ווילסט זיך קריגן?

קאָמערהער:

(קושנדיק וויקטאָרן אין ביידע באַקן)

זייט זשע אַזוי גוט האָט נישט פאַריבל פאַר מיין צו שטאַרקער דרייס־
קייט און מאַלט איר אָפּ...

לודמיר:

ער וועט זיין דער גליקלעכסטער...

וויקטאָר:

(אפארט צו לודמירן)

שוויג שוין, פאַרשאָלטענער מענטש!...

קאָמערהער:

(בעטנדיק)

עטלעכע שטיינעלעך; איר וועט עס באַווייזן, גנעדיקער הער?...

לודמיר:

עטלעכע? — צען, וועט ער אָפּמאָלן! — די אויגן לאָכן שוין ביי אים
פינעם בלויזן דערמאָנען זיך אין דעם מאָלן.

קאָמערהער:

קאָן איך, הייסט עס, האָפן אויפן דאָזיקן גרויסן חסד.

וויקטאָר:

אָבער איך האָב קיין פענדזלען נישט.

(אַפּאַרט)

כ'וואָלט אים נישט וועלן באַליידיקן, און ווידער...

לודמיר:

(צו וויקטאָרן אפּארט)

הערבאַרעם זיך, באַגיי נישט עפּעס אַן אומהעפלעכקייט — זיי זענען
אונדז אַזוי גערן!

וויקטאָר:

(צו לודמירן)

דו לכל־הפּחות רעד נישט גאָרנישט.

קאָמערהער:

פענדזלען וועלן מיר געפינען — נישט לאַנג צוריק האָט מען געוועקסט
דעם פּאַרקעט.

לודמיר:

זייט נאָר אַזוי גוט און ווייזט אים די שטיינעלעך. אויך פייגעלעך האָט
ער ליידנשאַפטלעך ליב.

וויקטאָר:

(אַפּאַרט)

נאָט, פאַרלאָז מיך נישט! דערהאַלט מיר ביים געדולד!

קאָמערהער:

אַ, דערמיט קאָן איך אייך פאַרווײַלן. — און אויב איר האָט ליב פייגעלעך, האָט איר דאָך אויך ליב שטייגעלעך, און אויב איר האָט ליב שטייגעלעך, וועט איר זיי מיר אָפּמאָלן, קיין ספק נישט.

(קושט וויקטאָרן).

לוהמיר:

ער איז איינער פון די באַרימטסטע פייגל־יעגער. באַוויזן־וושע אים אייער קאָלעקציע פייגל; ער וועט אַפילו אַן עצה געבן, אויב עמעצן פון זיי פעלט עפּעס — ער קאָן פּיקן אונטערן ציגל, אויב ס׳איז נייטיק.

וויקטאָר:

(אפארט צו לודמירן)

וואַרט! כ׳וועל דיר אָפּצאָלן! איך שווער, כ׳וועל אָפּצאָלן!

קאָמערהער:

(נעמט די ריטלעד און וויקטאָרן אונטערן אָרעם)

איך דין אייך, אין דין.

וויקטאָר:

וואָס טוט איר...

קאָמערהער:

איר וועט זען אַ צלם־שנאָבל*, פון אַ זעלטענער שיינקייט, ווי אַ קליינער פּאָפּוגײַ. איך ווייס אויך נישט צי איר קענט יענעם מין שפּערלעך מיט קליינע משובעלעך.

(שלעפּנדיק אים נאָך זיך)

לודמיר:

אך! ענדלעך!

סצענע VII

העלענע, לודמיר

לודמיר:

וואָס זאָגט איר דערויף?

העלענע:

איך אַליין פרעג עס.

לודמיר:

דאָס איז איינער פון די מערקווירדיקסטע אָריגינאַלן, וואָס געפינען זיך

---

* אַזאַ פויגל.

אויף דער וועלט. — צו אַלץ און פון אַלע, ווי עס קומט אים אין קאָפּ אַריין.

העלענע:

באמת, א משוגעדיקער מענטש.

לודמיר:

א גײַסט פון צוזאַמענגעטראָגענקייט פון דער העכסטער מדרגה.

העלענע:

ווי מע קאָן דאָס קיינמאָל נישט משפּטן פונעם ערשטן בליק.

לודמיר:

ווער עס משפּט לויטן אויג, האָט אָפט א טעות; ווער לויטן האַרץ, בלאָנ־דזשעט זעלטן.

העלענע:

ווי דאַרף איך דאָס פאַרשטיין?

לודמיר:

איך רעד עס בנוגע סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע.

העלענע:

אין קיין זאַך גלייב איך נישט אַזוי שטאַרק, ווי אין סימפּאַטיע.

לודמיר:

מיך האָט היינט אַן ענלעך געפיל געפירט צום גאָרטן. אָבער דאָס מאָל בין איך פאַרפירט געוואָרן.

העלענע:

אין וואָס?

לודמיר:

איך האָב געהאָפט צו טרעפן דאָרט עמעצן, מיט וועמען ס'זאָל קאָנען רעדן מײַן נשמה. אַך, דאָס טרעפט זיך אַזוי זעלטן, און איר דאַרפט מיר מוחל זײַן, שיינע העלענע, אויב איך ווער אײַך צודרינגלעך.

העלענע:

איך בין געווען אין גאָרטן.

לודמיר:

ווען איך בין שוין נישט געווען. יאַנוש האָט געהאַט מער גליק.

העלענע:

אַך, יאַנוש; כ'האָב אים געזען פונוווייטן, ער האָט גערעדט מיט מײַן פאָ־טער.

לודמיר:

ווי זאָל מען אויסטײַטשן אָט דעם זיפץ?

העלענע:

נישט צומבעסטן לטובת אים.

לודמיר:

ער האָט פונדעסטוועגן א האָפענונג.

העלענע:

טאקע בלויז א האָפענונג.

לודמיר:

וואָס איך הער! ס'וועט בלייבן בלויז ביי דער האָפענונג?

העלענע:

זיכער — זיין ליבע איז מיר אומדערטרעגלעך.

לודמיר:

דעם ערשטן אומגליק, וועגנדיק אים לעבן אייך, פאני, האָט א געהיימ־
ניספולע ישטים א רעד געטאָן אין מיר: ניין, דאָס איז נישט מעגלעך —
זי ליבט אים נישט.

העלענע:

איך וואָלט אים שוין לאַנג אָפּגעזאָגט, ווען נישט די שטיפמאַמע, וועלכע איז
איינגעשפּארט אומבאדינגט מיך צו וואַרפן אין זיינע פּראָזאישע אָרעמס.

לודמיר:

און ווען איך האָב אייך אביסל בעסער דערקענט, האָב איך גלייכצייטיק
באַגומען, וואָס פאַר אַ לויטערע, דערהויבענע, גרענעצלאָזע ליבע דאָס
הארץ זיין, כדי ווערט צו זיין אייערע. אָבער אויך אים קאָן מען נישט בע־
מען פאר אומגוט; ווער זשע וואָלט עס נישט געפּרווט געווינען אזא גרויס
גליק, א גליק נישט משיג צו זיין.

העלענע:

קאָמפּלימענטן.

לודמיר:

ניין, העלענע, נישט קאָמפּלימענטן. ווייסנדיק וועגן איקארס* פלי און
אראָפּפאל, וואָלט איך דארפן, אוועקגייענדיק פון דאנען ווי פון זיך אליין,
אנטלויפן פונעם מטורפן געדאנק. אָבער איך האָב שוין נישט קיין מאכט

---

* איקאַר איז אַ העלד פון גריכישן מיטאָס. ער איז אַנטלאָפן פון דער תפיסה אויפן אינדזל קרעטאַ דורך דער לופט מיט דער הילף פון פליגל, געמאַכטע פון אָדלער־פעדערן, צוזאמענגעקלעפט מיט וואקס; דאָס דערנעענטערן זיך צו דער זון האָט גורם געווען דער וואַקס זאָל צעשמאָלצן ווערן, און איקאַר איז אַראָפּגעפאַלן אין 'ים אַריין, וווּ ער איז אומגעקומען.

איבער זיך. די שלעכטע דאָ פֿאַרבראַכטע טעג וועל איך האַלטן, ווען כ׳זאָל אַפֿילו דאַרפֿן באַצאָלן דערפֿאַר מיט אייביקער בענקשאַפֿט, פֿאַר אַרויסגע־ריסן פֿון דעם פּיסק פֿונעם גורל, וועלכער איז תּמיד קעגן מיר.

הערלענע:

די פֿרייליכע געזעלשאַפֿט אינעם הויז פֿון מיינע עלטערן וועט זיכער אויסהיילן דעם אומעט, דורך וועלכן אייער האַרץ שיינט צו זיין פֿאַרוווּנ־דעט.

לודמיר:

איר ווילט מיך נישט פֿאַרשטיין.

הערלענע:

און אפֿשר פּאַסט נישט אויך.

לודמיר:

איך פֿאַרלאַנג דאָך גאָרנישט, בעט נישט, בלויז פֿאַרגעבונג פֿאַר דעם, וואָס איך האָב נישט קיין מאַכט זיך אַרויסצורייסן פֿון די ערטער, וואָס זענען געהייליקט דורך אייער אָנוועזנהייט.

הערלענע:

דערויף איז קיין פֿאַרגעבונג נישט נייטיק — געסט, וואָס זענען אָנגענעם די עלטערן, קאָנען זייער גוטער טאָכטער נישט זיין אומאָנגענעם.

לודמיר:

(קושנדיק איר אין האַנט)

אַך, ווען עס וואָלט מיר דערלויבט זיין אויפֿצודעקן די טיף פֿון מיין נשמה, ווען איר וואָלט וועלן באַנעמען די אויפֿרודערונג, וואָס ווערט פֿאַר־אורזאַכט דורך איין בליק אייערן — וואָלט איר פֿאַרשטאַנען, ווי לעבן איך קאָנען זיך געפֿינען אַז אָרט ביינאַנד: אַי דער גרעסטער תּענוג, אַי די פּיינלעכסטע ליידן.

הערלענע:

פּאַניע לודמיר, איר מיסברויכט מיט מיינע פֿריינדשאַפֿטלעכע געפֿילן. איך וועל אַוועקגיין.

לודמיר:

האָב איך פֿאַרדינט אַזאַ שטראָף? צי איז אַזוי קאַלט און שווער די איי־זערנע האַנט פֿון אָנשטענדיקייט אויף דער־אָ פּראָזאַישער וועלט, אַז ס׳איז פֿאַרווערט אַרויסצווייזן געפֿילן פֿון ריינסטער אַכטונג... פֿריינדשאַפֿט... פֿאַרערונג?... אַך, צו וואָס זוכן פּוסטע ווערטער... פֿון הייסטער ליבע!

סצענע VIII

העלענע, לודמיר, פאַן יאַוויאַלסקי, פאַני יאַוויאַלסקי

פאַן יאַוויאַלסקי:

א גוט וארצי־פּאַרצייטיש פּויליש שפּריכוואָרט זאָגט:
קומט אין שטוב א גאַסט צו גיין,
פרייט אין איר זיך גאָט אליין.
דאָס שטיקל ברויט שמעקט מיר בעסער, ווען איך טייל זיך הערמיט מיט עמעצן.

לודמיר:

ווי ס'איז דאָ אזא באַלעבאָס, פעלן נישט קיין געסט.

פאַן יאַוויאַלסקי:

אָבער נישט יעדער גאַסט איז אויך אַ ליבער גאַסט. וועגן נישט איינעם קאָן מען זאָגן:
דו גלעט די קאַץ גאַנץ איידל,
נאָר זי פאַררייסט דעם וויידל.
אָבער איר האָט נאָך נישט געזען מיין גאָרטן.

לודמיר:

אדרבה, כ'בין נאָר וואָס דאָרט געווען.

פאַן יאַוויאַלסקי:

איז קומט זשע. — איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם היינטיקן טאָג. ווי איר האָט אונדז געשיקט ארומגעפירט פאר דער נאָז! ווי איך האָב מיך דאָס אָנגעלאַכט פון דעם יאַנקעשעס עגמת־נפשן. ער האָט זיך אליין אָנגעמאכט די צרה.
ווען ס'איז צו בלאָזן אין אַ בינשטאָק וווילגעפאַלן,
יענעם ווערט דער פּיסק געשוואָלן, —
ווי עס זאָגט א פּשוט שפּריכוואָרט. ווייל איר האָט דאָך אוודאי געמיאַר־קירט, אז צווישן אים און העלושען... איר פאַרשטייט?

לודמיר:

א, יאָ, איך פאַרשטיי.

פאַן יאַוויאַלסקי:

און ער איז אייפערזיכטיק אביסל; אָבער, פאַניע מיינער, וועלן אַ מיידל איבערמאכן לויט דער אייגענער קאַפּעטע — הייסט: שעפּן וואַסער מיט אַ זיפּ.

לודמיר:

(כאַפּנדיק א קוק אויף העלענען)

פונדעסטוועגן ווייב ס'איז פאראן וואַריבליקע ליבע.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

הייסע ליבע, שלימזלע אוןגעיעג אויף שפּאַרבערס

— דויערן נישט לאַנג, — ווי עס זאָגט דאָס שפּריכוואָרט.

פּאַני יאַוויאַלסקי:

איי, יוזימשקע! יוזימשקע!

פּאַן יאַוויאַלסקי:

נו, זיי נישט בייז, מאַלגאָשע — דו ביסט א פעניקס,* איך זאָג עס תמיד.

איך ווינטש אייך, פּאַניע לודמיר, צו האָבן אזא ווייבעלע. אָבער דאָס אַלץ

איז א גורל־זאַך.

זאָל גאָט זיך זאָרגן

פאַר זיין דינערס מאָרגן.

לודמיר:

אך, ער זאָל נאָר מיר גוט באַזאָרגן!

פּאַן יאַוויאַלסקי:

ס'איז דאָ אויף וואָס און וואַריבליק צו זיפצן, ווייל איינעם לעבן פון א

פּאַרפאַלק איז:

ביי איינעם סעודות, ווייַן,

ביים צווייטן הונגער, פּיין.

לודמיר:

אווהאַי, אווהאַי.

פּאַן יאַוויאַלסקי:

א שפּריכוואָרט זאָגט:

אַ גוט ווייב איז אַ לוין,

אויפן מאַנס קאָפּ אַ קרוין. —

אָבער א שלעכט ווייב איז א גרויסער בראָך, פּאַניע מיינער.

אַ בייזע פרוי, אַ שלעכטע, און דער מיזל איך —

זיי זענען קינדער פון איין מאַמעס בויך.

לודמיר:

א שיינע פאַמיליע.

---

* לעגענדאַרער פויגל, וועלכער קומט אום אין פייער און ווערט אויפסניי געבוירן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

אין דעם זעלבן זין זענען די קומענדיקע פיר שורות:

— דער רעגן — זאָגט א פויער: איז מיט חיות אָנגעלאָדן,
ער וועט אַרויסבאַקומען אַלץ פון באָדן.

— זאָל גאָט באַשירמען — שרייט זיין שכן! — פון אַזעלכע צרות:

איך האָב דריי ווייבער אויפן בית־הקברות.

פאַני יאַוויאַלסקי:

אז זאָל זיין גנעדיקייט! גאָט אין הימל! „פון אַזעלכע צרות!" אַפּשניצלער!
אַפּשניצלער!

פאַן יאַוויאַלסקי:

איך דין אייך, קומט אין גאָרטן.

סצענע IX

העלענע

העלענע:

(אַליין)

שטילער, האַרץ, שטילער, קלאַפּסט צו האַסטיק. שליסט זיך צו, אויגן, קוקט נישט אויף דער נייער וועלט, ס'איז נאָך צו שאַרף פאַר אייך דער בלאַסק. לוהמיר! דיין שטימע איז א שטימע פון א מלאך, איר עכאָ וועט אייביק לעבן אין מיין נשמה. וואָס פאַר א בענקשאַפט מאַטערט עס דיך? וואָס פאַר אן אומעט האָט איינגעהילט דיין יונג לעבן. פאַרוואָס פאַר־גלייבסטו זיי מיר נישט? איך וועל דיך פאַרשטיין. כ'וועל גערן נעמען אויף זיך א העלפט, די גרעסטע העלפט פון דיינע זאָרגן, אבי דו זאָלסט מיך באַלוינען מיט דיין צאַרטן שמייכל. — אַך, יאַנוש! א פריקרע דער־וואַרטונג.

סצענע X

העלענע, יאַנוש

יאַנוש:

פאַננע העלענע!

העלענע:

פאַניע יאַנוש!

יאַנוש:

כ'ווייס נישט פון וואָס אָנצוהייבן.

העלענע:

צומבעסטן גאָרנישט אָנצוהייבן.

יאַנוש:

אָט דער טאָן זאָגט מיר נישט וואָר קיין גוטס,

העלענע:

ער פארפירט נישט.

יאַנוש:

נעכטן איז אנדערש געווען.

העלענע:

אַן אונטערשיד אין אַ טאָג.

יאַנוש:

אזא איז די באלוינונג פאר מיין ליבע?

העלענע:

ליבע!

יאַנוש:

איך צווייפלט?

העלענע:

איך צווייפל.

יאַנוש:

אזוי פיל באַווייזן דאָך...

העלענע:

וועגן וועלכע כ׳האָב קיינמאָל נישט געבעטן.

יאַנוש:

דער ווילן פון די עלטערן:

העלענע:

פון דער שטיף־מאמע.

יאַנוש:

און פון פאָטער.

העלענע:

ס׳הייבט זיך נישט אָן.

יאַנוש:

כ׳האָב נאָר וואָס מיט אים גערעדט.

העלענע:

כ׳האָב געזען.

יאַנוש:

ער האָט מיר צוגעזאָגט אייער האנט.

העלענע:

צוגעזאָגט?

יאַנוש:

פּייערלעך.

העלענע:

און איך זאָג פּייערלעך אָפּ.

יאַנוש:

איבערלייגט זיך גוט, אַז די פּאַני קאָמענדאַנטע...

העלענע:

דאָס אייביקע מיטל אָפּצושרעקן — וואָס אייער גנעדיקייט האָט זייער נישט איידל אויסגענוצט.

יאַנוש:

וואָס הייסט דאָס: נישט איידל?

העלענע:

איידעלער וואָלט זיין זיך באַמיען וועגן מיין גינציקייט, איידער וועגן אירן, און נישט שרעקן דאָס גאַנצע הויז מיט דער איינגעשפּאַרטער שטיפמאַמען.

יאַנוש:

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט ווירדיק פאַרטרעטן דאָס אָרט פון דער מוטער.

העלענע:

אמת, ביז דעמלט.

יאַנוש:

האָב איך מיך דען נישט באַמיט געפעלן צו ווערן מיט אַלערליי מיטלען?

העלענע:

נישט מיט די בעסטע.

יאַנוש:

עמעץ אַן אַנדערער וועט געפינען בעסערע.

העלענע:

אפשר.

יאַנוש:

איך זע אַלץ.

העלענע:

איך צווייפל נישט.

יאַנוש:

איך האָב דאָך פאַרשטאַנד...

העלענע:

און א האַרף.

יאַנוש:

איך פאַרשטיי, וואָס סע טוט זיך.

העלענע:

וואָס טוט זיך?

יאַנוש:

אָבער, פאַנע העלענע, איך ליב.

העלענע:

א דאַנק.

יאַנוש:

איך ליב זייער.

העלענע:

כ'בין דאַנקבאַר.

יאַנוש:

אומדאַנקבאַר, זאָגט.

העלענע:

לאָמיר ענדיקן אָט דעם שמועס.

יאַנוש:

באַדענקט אייך, אַז דער דאָזיקער אַוואַנטוריסט...

העלענע:

ווער?

יאַנוש:

דער לוהמיר.

העלענע:

וואָס דער לוהמיר?

יאַנוש:

מע ווייסט נישט פונוואַנען ער איז, ווער ער איז.

העלענע:

וואָס גייט דאָס מיך אָן?

יאַנוש:

אַך, צום אומגליק גייט עס זייער אָן אונדז ביידן.

העלענע:

פאַניע יאַנוש!

יאַנוש:

ער איז עפּעס אַ הולטאַי!

994 - ×

הע׳לענע :

אַ גאַסט אין הויז פון מיינע עלטערן פאַרדינט אַ בעסערע באַציונג.

יאַנוש :

אזא גאַסט פאַרדינט מע זאָל אים געבן אין קאַרק אריין. — און איר. איר העלענע, לאָזט זיך פון אים דעם קאָפּ פאַרדרייען?

העלענע :

פאַרדרייען?

(אַפּמעסטנדיק אים מיטן בליק, גייט זי אַרויס)

סצענע XI

יאַנוש

יאַנוש:

(אַליין)

ס׳איז בלתי ספק, אַז דער פאַרשאָלטענער לודמיר איז איר פעסט אריין אין קאָפּ. אַז דאָס זענען עס די פאַנגעס היינטיקע צייטן! — עס קומט זיך שרכענען און אָנשטענדיקער בירגער, פיר פערד איינגעשפּאַנט פון פאָרנט, א ווינער קאַטש, א קאָזאַק פון הינטן, האָט א ריינע היפּאָטעק — קרימען זיי זיך, קלייבן איבער, קריטיקירן. — אָבער געגם צעפּאַטער דאָס געזונט אין אויסגעקלאַסנקייט און האָס פאַרמעגן אין קאָרטן, ווערסטו א קרבן פאַרפאָלגט פונעם גורל און געפעלסט זייער לייכט. — איך האָב פאַרשטאַנד און א דאָרף — מוזט איר נישט, ווייל איך האָב געזונטע פאַרב אין פנים, עס גוט און שלאָף אויסגעצייכנט. — געכטן האָב איך געהאַט אַלע האַפּענונגען — היינט קיינע. אָבער די קאַמערדאַמע האָט צוגעזאָגט — ווען איך וואָלט נישט געווען... וואָלט איך זיך שרעקלעך געקנייפּט, די פינגער געביסן מחמת בייזקייט. ווען עס זאָל אַזוי נישט ווי טאָן..

סצענע XII

יאַנוש, וויקטאָר

וויקטאָר :

(מיט עטלעכע שטייגעלעך)

נו, לענגער וועט איך אַ מלאך נישט אויסהאַלטן!

(וואַרפט די שטייגעלעך אויף דרערד אין דער טיף בינע)

פאניע, ווי רופט מען אייך! קאָן מען דאָ קריגן פערד צו דינגען?
(יאַנוש, א קוק טוענדיק, גייט וויטער)
(וויקטאָר העכער)
צי קריגט מען דאָ פערד צו דינגען?
(יאנוש שווייגט)
(וויקטאָר בייז)
פאניע, איך פרעג אייך העפלעך צום דריטן מאָל...

יאַנוש:
פרעגט אייער גנעדיקייט ביי א פורמאן וועגן פערד, נישט ביי מיר.

וויקטאָר:
מע קאָן ענטפערן העפלעכער.

יאַנוש:
ווי עס וועט מיר געפעלן.

וויקטאָר:
אָ, נישט אומבאַדינגט אזוי!

יאַנוש:
באמת?

וויקטאָר:
אומהעפלעכע צווינגט מען צו העפלעכקייט.

יאַנוש:
פאַרנעמט זשע זיך,
(האסטיק)
בעט איך העפלעך.

וויקטאָר:
כ'וועל גיין, ווען ס'וועט מיר וווילגעפעלן.

יאַנוש:
וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

וויקטאָר:
איר זאָלט זיך באַנעמען העפלעך.

יאַנוש:
(איראָניש)
באמת! מיט וועמען!

וויקטאָר:
מיט וועמען? מיט וועמען? וואָס מיינט איר מיט דעם: מיט וועמען?

יאַנוש:
אָסע! לאָזט מיך צורו!!

וויקטאָר:

איך פרעג, וואָס הייסט דאָס: מיט וועמען!

יאַנוש:

דאָס הייסט, אַז איך טאָרף נישט זײַן העפלעך מיט עפּעס אוראַנגוטריסטן, וואָס שטערן די רו פון אַן אָנשטענדיק הויז.

וויקטאָר:

(איינהאַלטנדיק דעם כּעס)

מיט אוראַנגוטריסטן! מיט אוראַנגוטריסטן, זאָגט איר?

יאַנוש:

צומווינציקסטן.

וויקטאָר:

צומווינציקסטן! צומווינציקסטן, זאָגט איר?

יאַנוש:

זאָג איך.

וויקטאָר:

אָבער איר האָט אַליין געוואָלט...

יאַנוש:

(אַרײַנפּאַלנדיק אין צאָרן, דאָס קריגערײַ ווערט וואָס אַמאָל העכער)

וואָס? איר, איך, איר וועט מיר אויך דערקוטשען מיט דעם: „איר האָט אַליין געוואָלט". — כ'האָב געוואָלט, צום אַלדי טײַוול, פון איינעם אַ צווייטן, אַזעלכן ווי איר, מאַכן אַ חוזק־שפּיל.

וויקטאָר:

(שרײַענדיק)

נישט אַזוי הויך, פּאַניע.

יאַנוש:

(שרײַענדיק)

ווײַל פון אַזעלכע האָב איך שטענדיק אָפּגעהוזקט און וועל אָפּהוזקן — אָבער כ'האָב נישט געוווסט, אַז איך לאָז אַרײַן אַ וואָלף אין אַ שאָף־שטאַל.

סצענע XIII

יאַנוש, וויקטאָר, קאַמערהער, הינטער אים קאַמערדאַמע

קאַמערהער:

וואָס טוט זיך דאָ?

(אַרײַנלויפנדיק)

קאַמערדאַמע:

C'est varcarme! *

וויקטאָר:

(צו יאַנושן)

אַ וואָלף ביסט, געדענקט!

קאַמערדאַמע:

ווען וואָס גייט דאָ? פּאַמעלער, העפלער..

יאַנוש:

(צו וויקטאָרן)

אַרויס פון דאַנען! אַרויס!

קאַמערהער:

(דורכן פענצטער)

זיין גנעדיקייט! פּאַטערל! זיין גנעדיקייט!

וויקטאָר:

(זיך באַהערשנדיק)

ווען איך זאָל זיך נישט רעכענען מיט דער אַנוועזנהייט פון דער האָזיקער דאַמע...

יאַנוש:

איז וואָס? איז וואָס?

קאַמערהער:

(דורכן פענצטער)

מע קריגט זיך! — מע וויל זיך שלאָגן!

וויקטאָר:

ניין, ביז אַזאַ מדרגה וועל איך זיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. — באַוויליקט, פּאַני, מיר מוחל זיין — איך האָב מיך אויפגעקאָכט אין אייער אַנוועזנהייט. — איך אַנערקען מיין שולד.

(צו יאַנושן)

מיר וועלן זיך זען.

יאַנוש:

איר וועט זיך זען, וועט זיך זען, איך ווייס מיט וועמען.

קאַמערדאַמע:

יאַנוש! קיין איין וואָרט! איך וויל, איך הייס! — וואָס זענען דאָס פאַר אַ שענק־מנהגים? שעמט אייך, אייער גנעדיקייט, אַט דער פּאַן האָט דער

---

* וואָס איז עס פאַר אַ הוילאַם?

ערשטער אָנערקענט זיין פעלער און איבערגעבעטן פארן מינערן די אכ־
טינג, וואָס מע דאַרף האָבן צו א דאמע. *Taisez-vous

סצענע XIV

די זעלבע, פאַן יאָוויאַלסקי, פאַני יאָוויאַלסקי, לודמיר

(פאַן יאָוויאַלסקי מיטן ווייב אינמיטן, לינקס וויקטאָר און לודמיר, רעכטס יאנוש און די קאמער־דאמע. אין דער טיף נעמט דער קאמערהער צונויף און באקוקט שטייגעלעך).

פאַן יאָוויאַלסקי:

ווער זשע קריגט זיך? —

אַ מומל און א מומל,

און ס'ווערט א טומל. — וואָס? ווער מיט וועמען?

קאַמערדאַמע:

פאַן יאַנוש אַזאַ העפלעכער — מיט אָט דעם פאַ; **fi! C'est misére

פאַני יאָוויאַלסקי:

א וואָרט פאַר א וואָרט,

און ס'איז דער קאָפּ נישט אויפן אָרט.

וויקטאָר:

כ'האָב זיך צופיל אויפגעקאָכט, דאָס איז אמת.

פאַן יאָוויאַלסקי:

כ'וועל באלד דערציילן א מעשהלע. — הערט:

לעם דער הינערקאַמער אויפן פאָדוויר האָט א האָן
זיך צעקרייעט: — קוקא־רייא־ראָן!
— קוקא־ריקו — האָט א צווייטער זיך גענומען כעסן
און — מע נעמט זיך פאַר די קאמען רייסן. —
פליגל, גלייך ווי בייטשן, שמייסן,
שנאָבלען פיקן ביז און שנעל,
נעגל גראבלען ביז דער פעל.
פעדערם פליען, ס'רינט שוין בלוט (אוי, ביטער —
מיט דער קוואָטשקע איז אוועק דער קאָנקורענט דער ריטער),

---

* שווייגט.

** דאָס איז שרעקלעך.

און מע מאַכט זיך תּיל־און־תּל.
— האַלדער! האַריע! — האָט דער אינדיק זיך צעבלאָזן
האָבן זיי געהאָרכט און נאָכגעלאָזן.
— האַלדער! איבער וואָס? און איבער וועלכן? גלייך
וועט דער אינדיק שלום מאַכן צווישן אייך. —
און זיי ביידע ענטפערן בציבור:
— ווייל מיין קוקאַריקו שפּעט ער איבער.
— האַלדער! מיינע ליבע לייט, —
זאָגט דער אינדיק זיי געשייט:
ווי עס קאָן זיך א געקריג צעברענגען!
וואָסער איבערשפּעטן! ווער שפּעט איבער וועמען?!
ביידע לויט די זעלבע נאָטן קרייעט איר און גאָר,
ווילע הענער זייט איר ביידע דאָך, נישט וואָר? —
איינער מיט א שטות רירט אָן דעם צווייטנס האָנער,
זידלט אים דער צווייטער שטאַרקער, ווי ער קאָן נאָר;
ס'קאָסט געזונט און לעבן... וואָס
זאָל מען זאָגן זיי? איך ווייס — נאָר כ'וויל נישט זאָגן דאָס.

פּאַני יאַוויאַלסקי:

אוי, גאָט מיינער! הענער! אָפּשניצלער! אָפּשניצלער!

לודמיר:

(צו וויקטאָרן)

וואָס איז געשען?

קאַמערדאַמע:

(צו יאַנוש)

און וואָס איז דאָ געגאַנגען?

וויקטאָר:

(צו לודמירן)

דאָס אַלץ איז דיר צו פאַרדאַנקען.

יאַנוש:

(צו דער קאַמערדאַמע)

ער האָט געזאָגט: „איר האָט אַליין געוואָלט".

לודמיר:

(צו וויקטאָרן)

אָבער ווי היציק דו ביסט.

וויקטאָר:

(צו לודמירן)

דו וועסט מיך היינט נישט אָפּקילן.

קאַמערדאַמע:

(צו יאַנושן)

מען דאַרף דאָך לייגן אַכט אויף אַ וועלכע עס איז קאָנוועניאַנסן Mon Dieu! *

פאַן יאָוויאַלסקי:

(שטיל צו לודמירן)

דיין פריינד איז עפּעס אַ שרעקלעך היציקער.

לודמיר:

(אויך שטיל)

דאָס איז צוליב דער היץ אין דרויסן.

פאַני יאָוויאַלסקי:

העז?

פאַן יאָוויאַלסקי:

דאָס איז צוליב דער היץ אין דרויסן.

פאַני יאָוויאַלסקי:

אַ מעשה! אַ מעשה!

פאַן יאָוויאַלסקי:

אַ פּאַרצייטיק שפּריכוואָרט זאָגט:

דעם גאַסט אין דיין הויז

פון טומל היט אויס.

נישט פאַרענטוויק זיך וועגן וואָס עס איז געגאַנגען — בעט זיך איבער, פאַנאָוויע.

יאַנוש:

איך האָב בלויז דעם אמת געזאָגט.

וויקטאָר:

(צו לודמירן)

דו הערסט?

פאַן יאָוויאַלסקי:

אָ, פאַניע מיינער, נישט תמיד איז אמת דאָס, וואָס ווייזט זיך אויס פאַר ריכטיק. — און ווען אפילו ס'איז אַזוי געווען:

פאַר אמת זאָגן

מע קריגט געשלאָגן.

אָבער מע דאַרף דעם ענין אַנדערש פאַרענדיקן — אויפן פּאַרצייטישן שטייגער, — פאַניע יאַן, הייסט ברענגען אַ פלאַש ווין — פון צווייטן קעלער — קאַשטעלאַנער — איר ווייסט וועלכן?

---

*מיין גאָט.

קאָמענטאַטאָר:
כ׳וויס.
פאַן יאַוויאַלסקי
צו מיר אין צימער! ס׳וועט גיין דאָס מייזעלע צווישן קעץ. —
א גלעזל מאַכט אין קאָפּ א רויש,
א גלעזל ליימערט אויך אים אויס. — איר קאָנט
דאָס האָזיקע לידעלע?
האָסטו ליב מיך, גיס מיר אָן געהעריק,
זייסט באַקומסטו מיטן קופּעל באַלד א בעריק...
מיר וועלן נעמען צו ביסלעך און שלום. —
וואַסער פאַר פיש, שלום פאַר מענטשן, אָן אים איז
גאָרניש. איך בעט צו מיר, ביטע.
קאָמערדאַמע:
אָן קריגערייען, איך בעט אייך זייער, ווייל עס וועט זיין אויס מיט דער
פריינדשאַפט.
פאַן יאַוויאַלסקי
איך וועל פירן.
(אַפּגייענדיק).
לוזחמיר:
(וויל פאַרהאַלטן וויקטאָרן, וואָס רייסט זיך פון אים ארויס — ער בלייבט דער
לעצטער)
איך רוף ארויס אייפערזוכט, און דער האָט שיר נישט באַקומען אונטער־
געשלאָגענע אויגן. וואָס בין איך שולדיק? — א פּאַטאַלער טאָג פאַר אים.
— קאַפּיטל אבצן.*

* געמיינט: קאַפּיטל XVIII פון זיין ראָמאַן.

פערטער אַקט

סצענע I

וויקטאָר, לוּדמיר

(וויקטאָר צייכנט, לודמיר גייט ארום פארטראכט איבער דער בינע)

וויקטאָר:

זיי זיך מוֹדה עקס-סוֹלטאַן און ווירקלעכער געהיימראט פון משוגעת, או איך בין איינער פון די אָרנטלעכסטע, פון די מילדסטע מענטשן. — דו האָסט זיך פארדינט אויף מיין צאָרן, זייער שטארק פארדינט, און איך ארבעט פונדייעסטוועגן.

(אפארט)

אָבער איך וועל דיר אָפּצאָלן.

(נאָך א קורצן שווייגן, זיך ארומקוקנדיק)

וועגן וואָס טראכסטו עס אזוי?

לוּדמיר:

(קוקנדיק אויף וויקטאָרס צייכענונג)

— ניין — יאַוויאַלסקי האָט זיך דיר נישט אינגאנצן איינגעגעבן — ס'איז נישטאָ יענער איבערן גאנצן פנים צעגאָסענער שמייכל — יעדעס קנייטשעלע אויף דעם זאָגט עדות, אז ס'איז אנטשטאנען פון לאכן.

וויקטאָר:

(אַלץ צייכענענדיק)

אָבער דערלויב, מיין טייערער, — קודם-כל דארף מען האָר מאכן דעם קאָפּ, דערנאָך די האָר; פריער די נאָז און שפּעטער דאָס קרעצל אויף דער נאָז — אויב נאָטאבענע אזא קרעצל איז פאראַן, sine qua non*

---

* אַן אומבאדינגטער תנאי.

לודמיר:

און די פּאַני יאַוואָלסקי איז נישט שטאַרק אויסגעשטרעקט.

וויקטאָר:

נאָך איין האָר, און זי קערט זיך איבער הינטערוויילעכם.

לודמיר:

מאַך זשע איר די שפּאַקולן.

וויקטאָר:

גיי צום קאַדיק! כ'בעט דיך!

(לודמיר שפּאַצירט ווידער אַרום)

זינט ער איז געוואָרן הערשער, האָט ער באַקומען עפּעס אַזאַ רעציר־ דיקן טאָן. אָבער פאַרוואָס שרייבסטו נישט? צייט האָסטו — כּיבֿולע־ פּאַפּיר וועסטו דאָ באַקומען.

לודמיר:

(בלייבט שטיין פאר וויקטאָרן, נאָך א קורצן שווייגן)

ווייסט וואָס, וויקטאָר?

וויקטאָר:

און נישט נאָר איין זאַך.

לודמיר:

העלענע געפעלט מיר.

וויקטאָר:

און מיר נישט.

לודמיר:

איך וואָלט מיט איר חתונה האָבן.

(וויקטאָר לייגט אַוועק די בלייפעדער, דרייט זיך אויס און קוקט אים אין די אויגן אריין)

לודמיר:

(פארקרימענדיק זיך)

א!!

(גייט ווידער ארום)

איך פאַרטראָג נישט, ווען עמעצער סאָלאָפּעט אויס אויף מיר די אויגן.

(וויקטאָר לאכט וואָס אמאָל שטאַרקער נאָך לודמירס יעדעס וואָרט)

אָ, לאַך־לאַך — לאַך — נאָך שטאַרקער. — אָט אזוי! — פּלאַץ פון געלעכטער. — כאַ־כאַ־כאַ!

וויקטאָר:

וואָס הייסט? וואָלסט וועלן חתונה האָבן?... אַזוי *ex abrupto אפשר כדי צו פאַרענדיקן האָס ווייַדיקע ווערק?

לודמיר:

זאָג מיר נאָר, פאַרוואָס זאָל איך נישט האָבן חתונה האָבן?

וויקטאָר:

דו ווילסט זיך?

לודמיר:

ערנוואָרט, אַז נישט.

וויקטאָר:

גיב אַהער די האַנט.

לודמיר:

וואָס זשע וועט זיין?

וויקטאָר:

דער פולס א פאַמעלעכער — קיין היץ נישטאָ.

לודמיר:

(ארויסרייסנדיק די האַנט).

צייכן!

(גייט ווידער ארום)

וויקטאָר:

איך וואָלט זיך נישט געוווּנדערט, ווען כ'וואָלט קאָנען דערלאָזן אַזאַ מין געדאַנק, אַז זי איז דיר געפעלן געוואָרן.

לודמיר:

פאַרוואָס נישט, געערטער וואַן=דייק?

וויקטאָר:

ווער? אָט די, וואָס אפילו אַ גלאָז וואַסער בעט זי מיט אַ הויך=מליצהדיקן סטיל, אָט די האָט דיך געזאָלט געפעלן ווערן?

לודמיר:

זי דריקט אָפּט אויס גוטע געדאַנקען אויף אַ לעכערלעכן אופן, אָבער דאָס אַלץ קאָן מען לייכט ענדערן.

וויקטאָר:

וואָס זשע פאַר אַ גרויסע מעלות האָסטו אין איר אַנטדעקט אין אַזאַ קורצער צייט?

---

* אָן צוגרייטונגען, פּלוצעם.

לוחמיר:

זי איז שיין.

וויקטאָר:

דאָס געוועגדט זיך אין א גוסט.

לוחמיר:

זי איז א גוטע.

וויקטאָר:

פונוואנען ווייסטו?

לוחמיר:

איך ווייס — כ'בין זיכער. — דערצו איז זי זייער א פארשטענדיקע און נישט קיין איינגעשפּאַרטע. און ווען ס'איז פאראן פארשטענדיקייט, און קיין איינגעשפּאַרטקייט איז נישטאָ, לאָזט זיך אלץ מאכן.

וויקטאָר:

אָבער ווען זי זאָל אפילו זיין דער מלאך־פון גוטסקייט און שיינקייט, ווען אפילו דער גרעסטער חכם זאָל זי וועלן פאר א ווייב, וועט זי נאָך צוליב דעם דיינע נישט זיין.

לוחמיר:

אויב איך געפעל איר...

וויקטאָר:

זי האָט עלטערן.

לוחמיר:

דעם אַלטן קאָן מען שנעל געווינען — עטלעכע משלים — און ער איז מיינער.

וויקטאָר:

דער פאָטער.

לוחמיר:

ווייניקער ווי גאָרנישט.

וויקטאָר:

די שטיפמאמע.

לוחמיר:

דאָס איז דער איינער הארטער נוס צו צעקנאַקן.

וויקטאָר:

מע דארף האָבן פעסטע ציין.

לוחמיר:

אָבער עס געשען האָך צופאלן.

וויקטאָר:

אין ראָמאַניע.

לודמיר :

דאָס ערגסטע איז...

וויקטאָר:

(נאָך א קורצן שווייגן)

דאָס ערגסטע איז.

לודמיר :

וואָס איך ווייס נישט, ווער און פונוואַנען איך בין.

וויקטאָר:

און דאָס איז נישט קיין קלייניקייט ביי אַזעלכע מענטשן — נו, און א מאַ-יאָנטעק!

לודמיר :

(ארומשפאצירנדיק)

ווען איך וואָלט נאָר געהאט יחוס און א מאַיאָנטעק

וויקטאָר :

יאָ! ווען נאָר — „ווען“ א קליין ווערטעלע.

לודמיר :

פרווון וועל איך פאָרט. — האָס וואָלט מיר געווען זייער אויף דער האַנט — זיכער, און אויסשליסלעך אהאַנק דער ליבע האָב איך באַקומען איר האַנט, לעב איך זיך אויפן גליקלעכסטן אופן. — מיר וווינען אין די דאָ-זיקע שטובן — דאָרט, וווּ מיר וווינען איצט, איז מיין קאַנצעלאַריע. — ווייטער זענען אונדזערע קינדער. — זי פאַרנעמט זיך מיט דער ווירט-שאַפט. — איך שרייב. — דו פאַרברענגסט ביי אונדז א שטיקל צייט — און דו האָסט מיך ליב, וועסט פאַרבלייבן. — נו, זאָג מיר צו — עט-לעכע חדשים — יא וואָרט?

וויקטאָר :

און פאַר וועמען וועסטו אויסגעבן דיין טאָכטער? מיט וועמען וועט חתונה האָבן דיין זון? — ווי גוט ס'איז צו זיין א פאָעט: מע ליבט, מע האָט חתונה, מע נעמט איבער די ווירטשאַפט, מע האָט קינדער, מע פאַרבעט פריינד; אַלץ אין איין אָטעם.

לודמיר :

אויב נאָר ס'איז נישטאָ קיין ליכט און שאָטן, קיין שטריכלעך דאָ און דאָרט, איז אַלץ משוגעת — אמת?

וויקטאָר :

מעגלעך — און איך האָב קיינמאָל שטאַרקער נישט געוואָלט, ווי אין איצ-טיקן מאָמענט, אז דאָס ליכט זאָל פאַלן אויף דיר, און שאָטן זאָלן בלייבן

יאגוש מיט דער שטיפמאמע, און איבער אלע אָנשטענדיקע געזעלשאפט־לעכע באַציונגען זאָלן האָ און דאָרט איבערגעצויגן ווערן שטריכעלעך.

לוזהמיר:

דו וואָלסט באמת וועלן, עס זאָל זיך מיר איינגעבן?

וויקטאָר:

פאַרוואָס זאָל איך עס נישט וועלן?

לוזהמיר:

ערלעכער וויקטאָר! מיינע ווערק וועלן דיר געבן אומשטערבלעכקייט.

וויקטאָר:

אויב זיי וועלן נאָר האָבן גענוג לאַנגע הענט.

לוזהמיר:

ס'איז נישטאָ קיין בעסערס, ווי האָבן צו טאָן מיט מאָלערס; זיי זענען די ליבלעכע ברידער פון די פּאָעטן. — וויקטאָרל! וועסט מיר מאָלן הענ־גען פּאָרטרעט?

וויקטאָר:

דו ווייסט, אז איך קאָן נישט מאָלן קיין פּאָרטרעטן, סיידן אין קאַריקא־טור.

לוזהמיר:

סאַראַ געדאַנק!

וויקטאָר:

איך קאָן זי אַריינפּאַסן אין אַן אַלעגאָריש בילד, וואָס זאָל פאָרשטעלן, למשל: דאָס אַריינגעמען דיך פאַר אַ מיטגליד אין דער פאַמיליע יאָוויאַל־סקי. — אינמיטן וועט זיך יאָוויאַלסקי אַ געקרוינטער אַרויפהייבן אויף אַ לייכטן וואָלקן; אין איין זייט זיינער אַ געניוס: אַ בחור מיט פליגל, מיט אַ פלאַם איבערן קאָפּ, ביי די פיס ביכער און אַן אָדלער. — פון דער צווייטער זייט שאָקלט הילאַריטאַס* מיט איין האַנט דעם האָרן פון שפע, מיט דער צווייטער ציט ער נאָך זיך מיט דער הילף פונעם בליענדן הימע־נען** די אַלטע יאָוויאַלסקי. — צוויי קינדער וועלן אויספילן דעם צענ־טער: איינס פון זיי וועט האַלטן אַ פּאַלמע־צווייגל, וואָס דו, קניענדיק אין אַ טערקישן קאַפּטן, און אין אַ היטל מיט גלעקלעך, ווילסט געווויטרדיק דער־לאַנגען. — אין פראָנט פונעם בילד שטייט העלענע אינעם געשטאַלט פון „אימאַגינאַציע"***, די אויגן צום הימל געווענדט, די הענט צונויפגעלייגט

* גאָט פון פרייד.
** גאָט פון חתונה.
*** פאַנטאַזיע.

אין אַ קרייז, די האָר אין אומאָרדענונג איבער די שולטערן צעלאָזט. אויפֿן קאָפּ אַ קרוין, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון קליינע פֿיגורעלעך, וועלכע גייען אַרויס פֿון איר מוח. — די פֿיגורעלעך וועט מען נאָטאַבענע קאָנען געבן דיין אָנבליק, אויב דו וועסט וועלן. — ביי העלענעס פֿיס „מע־לאַנכאָליע": זי זיצט פֿאַרטראַכט איבער אַ טויטן שאַרבן, מיט אַ שפּערל אויפֿן קאָפּ. אין דער טיף יאַנוש אַלס „קנאה" אין אַ קלייד אָנגעשפּיקע־וועט מיט אויגן און אויערן, אין דער האַנט אַ בינטל דערנער, אויפֿן אַקסל אַ האָן אָנגעבלאָזן פֿון כעס. — לעבן יאַנושן די קאַמעראַטע מיט אַ וואַכטל, דער קאַמערהער מיט אַ לבֿנה אין דער האַנט — דאָס ערשטע דער צייכן פֿון בייזקייט, דאָס צווייטע — פֿון טפּשות.

לודמיר:

און אין ווינקל מאָלט „סאַרקאַזם". אָבער הגם דו ביסט אַזוי באַהאַוונט אין אַלעגאָרישע בילדער, ווייס איך נישט, צי דו ווייסט, ווי אַזוי מע שטעלט פֿאָר: „סאַרקאַזם".

וויקטאָר:

איך ווייס, איך ווייס.

לודמיר:

ווי אַן אייזל מיט אויסגעשטשירעטע ציין, אויב איך האָב קיין טעות נישט.

וויקטאָר:

דוכט זיך אַזוי.

(ביידע לאַכן)

לודמיר:

די יאַוואָלסקיס קומען; רוק זיך אַוועק טיפֿער און פֿאַרריכט אייניקע שטריכן.

(וויקטאָר נעמט צונויף אַלע די צייכענונגען, רוקט זיך אַוועק אין דער טיף פֿון דער סצענע, קוקט זיך צו און צייכנט, קניענדיק ביי דער שטול. דערנאָך זעצט ער זיך).

סצענע II

פּאַן יאַוואָלסקי, פּאַני יאַוואָלסקי, לודמיר, וויקטאָר

פּאַן יאַוואָלסקי:

איך זוך דיך, פּאַניע מיינער, ווי אַן אייגענער אַן אייגענעם. דו מוזט האָב מיר איבערלייענען עפּעס פֿון דיינע ווערק. איך פֿאַרשטיי זיך אַביסל.

לודמיר:

איך קאָן נישט איבערלייענען, ווייל איך האָב דאָ מיט זיך געראַנישט. אָבער מיין ערשט ווערק, וואָס איך וועל ארויסגעבן און וואָס האלט שוין כמעט פארענדיקט ווערן, וועל איך ווידמען אייער גנעדיקייט.

פאן יאוויאלסקי:

מיר?

לודמיר:

אויב אייער גנעדיקייט וועט דערלויבן, אז אייער נאָמען זאָל באערן מיין ארבעט.

פאן יאוויאלסקי:

מיר? מיר? מיר ווילט איר ווידמען אייער גאַנץ ווערק?

לודמיר:

אויב איר וועט דערלויבן.

פאן יאוויאלסקי:

אויב איך וועל דערלויבן? אָ, מענטש איינער! מענטש איינער! מיט וואָס האָב איך זיך פארדינט אזא כבוד? וואָס אן אמת, עס נעמט נישט דער, וואָס פארדינט, נאָר דער, וואָס האָט גליק. און איר וועט אָפדרוקן דאָס דאָזיקע ווערק?

לודמיר:

פארשטייט זיך.

פאן יאוויאלסקי:

(אים ארומנעמענדיק)

פארלאַנגט פון מיר וואָס איר ווילט. איר הערט, פאני יאוויאלסקי, איך וועל זיין געדרוקט.

פאני יאוויאלסקי:

(אראָפּנעמענדיק די שפאקולן)

געדרוקט? א מעשה!

לודמיר:

איך וועל בלויז פארלאַנגען, איר זאָלט מיר דערלויבן ארייַנשרייבן אלע שפריכווערטלעך און פערזען, וועלכע איר קענט אזוי פיל און דעקלאַמירט אזוי שיין.

פאן יאוויאלסקי:

נעמט א פעדער און שרייבט. איך וועל אייך גלייך זאָגן א משל.

לודמיר:

ביטע זייער.

פאַן יאַוויאַלסקי.
צוויי.

לוזהמיר:
וואָס פאַר א גליק!

פאַן יאַוויאַלסקי:
דריי.

לוזהמיר:
איך דערגיי פאַר פרייד.

פאַן יאַוויאַלסקי:
(אָפּפירנדיק אים אין א זייט און אָנווייזנדיק אויפן ווייב)
פאַר איינעם וועט זי זיך אביסל בייזערן.
אָהאָ!

לוזהמיר:

פאַן יאַוויאַלסקי:
אָבער בלויז האלב אין שפּאַס. איר וואָלט נישט גלייבן, וואָס פאַר א קלוגע פרוי דאָס איז. וואָס פאַר א שאַרפזין!

לוזהמיר:
כ'האָב עס אליין באַמערקט.

פאַן יאַוויאַלסקי:
מע דערקענט דעם פּריץ לויט די שפּיול; אזוי אויך דעם קלוגן.

לוזהמיר:
אזוי איז עס באמת.

פאַן יאַוויאַלסקי:
אז איר וועט זיין מיט איר אזוי לאַנג, ווי איך, וועט איר זי נאָך בעסער דערקענען.

לוזהמיר:
ווי זשע לאַנג איז עס?

פאַן יאַוויאַלסקי:
איין און פופציק יאָר.

לוזהמיר:
בסך־הכּל!

פאַן יאַוויאַלסקי:
אָבער, אומקערנדיק זיך צום משל — הערט:
א שמעטערלינג א געלבלעך־רויטער שטעלט אַרויס
דאָס קעפּל פון א שיינער רויז.

ער רופט צונויף זיין פלאטערדיקע מחנה ברידער,
און הייבט זיי אָן צו זינגען מוסר־לידער:
,,— ווי פטרט מען אזוי אומזיסט די צייט,
אז רק מע באַלעוועט, מע פליט ארום פאַרשייט!
איר מעגט זיך, שמעטערלינגען, שעמען,
מיט בלויזן פוסט־און־פאסט זיך צו פאַרנעמען!"
און זיך אליין אין אלץ אלס ביישפיל שטעלט.
בקיצור, היפש באקומען אָנגעזידלט, אָנגעשמיסן,
די שמעטערלינגען ווייזן שוין ארויס געוויסנביסן.
ווי ס'האָט אויף א פיאַלקע זיך א בחורל געשטעלט
און הויך א זאָג געטאָן: — אים פאָלגן זאָלט איר זיך נישט איילן,
איך ווייס פאַרוואָס עס קאָן דאָס פליען אים נישט ווילן:
צוריק מיט עטלעכע מינוט, איך האָב אליין געזען,
האָט ער ארומגעשטיפט מיט בלומען פול מיט ברען,
ווי דאָ קומט צו דער זקן מיט די פלאמיקע באַגערן,
וואָס גייט כסדר, רוט נישט אָפּ אין מי, וואָס לייט
וואָס מיט זיין קאָסע שניידט ער אלץ, וואָס טוט אים שטערן,
אים רופן צייט.
און ווייל ס'איז אונדזער ברודער נישט געווען געהיט,
האָט אים די פליגעלעך די קאָסע אָפּגעשניטן.
איז אָט פאַרוואָס ער לויבט באַשטענדיקייט, ליבט בלויז די רוין
ווייל מיט זיין אייגן פליען איז שוין אויס.
(זיך פארנייגנדיק ביים ערשטן קומענדיקן פערז פאר דער פרוי)
עס איז נישט, יונגע שיינע דאמען, אויסצולייבן בלויז
דאָס צופיל באַלעווען און פליען מיין כוונה;
נאָר הערנדיק די שטראָפרייד פון נישט אייגער א מאטראָנע,
מוז ווערן קלאָר אייך פון דער צווייטער זייט —
עס האָט דעם שמעטערלינג...
(שטילער צו לודמירן)
צוריקגעבטגעמאַכט די צייט.

לודמיר:

באמת?

פאַן יאָוויאַלסקי:

איך מיין דאָ קיינעם הערומיט נישט צו טרעפן.

פאַני יאָוויאַלסקי:

גאָט, דערבאַרעם זיך! וואָס זיין נגעדיקייט וועט נאָר אלץ אויף אונדז נישט אויסטראכטן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

(גלעטנדיק איר גאָמבעלע)

נו, נו, בייזערט זיך נישט, מאַלגאָשע — איר זענט אַ שמעטערלינג, אָבער מיין שמעטערלינג, מיין וואכטעלע.

(קושנדיק איר אין שטערן)

פאַני יאַוויאַלסקי:

אוי שטיפערל, שטיפערל!

(דראָענדיק מיט די שפּאַקולן)

אייך ליגן נאָך אין זינען געלעכטערלעך, קוצעניו-מוצעניו

פאַן יאַוויאַלסקי:

דערויף בין איך גערן,

ווי אויף האָניק — די בערן; — אמת, פאַני יאַוויאַלסקי?

פאַני יאַוויאַלסקי:

(טוט אָן די שפּאַקולן)

הער אויף, יוזיעטשקע, פאַר דעם-אָ קאַוואַליר אין די אויגן!

פאַן יאַוויאַלסקי:

אָ, אָ, ווי אַ ראַק רויט געוואָרן — ווייז נאָר די אייגעלעך!

פאַני יאַוויאַלסקי:

(אויסטוענדיק די שפּאַקולן)

וואָס זשע וועט זיין?

פאַני יאַוויאַלסקי:

א! סאַראַ שטיפערישע! אוי דו... דו... דו...

(קנייפּנדיק דין בעקלעך)

כ'וואָלט דיך אויפגעגעסן.

פאַני יאַוויאַלסקי:

יוזיעטשקע, האַלט זשע זיך אין דער מעלה.

לזחמיר:

איך קאָן אַוועקגיין, אויב...

פאַן יאַוויאַלסקי:

ניין, ניין, לאָמיר ביין צוזאַמען אין מיין צימער, ווייל אין מיין שטול דעקלאַמיר איך צומבעסטן. און אייך צו זאָגן עפּעס איז אָנגענעם, איר הערט אַנדערש, ווי אַנדערע.

איך רעד, איך שריי —

זיין אויער לאָזט פאַרביי.

לוזחמיר:

און ער טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

פאַן יאַוויאַלסקי:

איך רעד וועגן דער זון באַראַכט,
און ער וועגן אַ העלפאַנט טראַכט!
איך מיין ס,
ער זיינס.
לאָז דעם וואָלף רייַן מוסר הערן,
ער — אַ ציג איז גערן.

אָבער לאָמיר גיין. לאָמיר זיך מאַכן אַ געגויעם פּלאַן — מיר וועלן אונטערהעלפן איינער דעם צווייטן, מיר, די אויטאָרן. ווייל פאַרשטייט איר מיר, טייערער, אויף דער וועלט דאַרף איין מענטש דעם אַנדערן. איין האַנט וואַשט די צווייטע. ווי דו מיר, אַזוי וועט מען טאָן פאַר דיר.

לודמיר:

מיט וואָס פאַר אַ מאָס דו מעסט, וועט מען איר דיר אָפּמעסטן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

ווי דו יעגעם, אַזוי יענער צו דיר. אַ בראַוואָ דעם אַשפּריכוואָרט, צי קענט איר דאָס מעשהלע פון גאַוועל און פּאַוועל?

לודמיר:

איך קען.

פאַן יאַוויאַלסקי:

איז האָרכט זשע:

פּאַוועל און גאַוועל געווען זענען שכנים —
גאַוועל וווינט אונטן, און אויבן וווינט פּאַוועל;
פּאַוועל — אַ מענטש, וואָס פאַרטשעפּעט נישט קיינעם.
ווילדע המצאות טראַכט תמיד צו גאַוועל.
צווישן דעם מעבל ער לויפט, ווי אַ גיבור —
יאָגט נאָך אַ קאַץ, צי אַ האָז אַ צעהיצטער,
יאָגט און אַנטלויפט, טוט אַ שפּרונג, קערט זיך איבער,
שיסט און טרומייטערט און שרייט אַ פאַרשוויצטער.
פּאַוועל קאָן ענדלעך דאָס מער נישט פאַרטראָגן,
קומט ער צו גאַוועלן הכנעהדיק קלאָגן;
— מיטלייד, מיין הער! פון דיין יאָגן זיך — אויבן
פליען אַרויס פון די פענצטער די שויבן. —
ענטפערט אים גאַוועל: — ביי זיך אין געצעלט
מעג טאָן איעדער, וואָס אים נאָר געפעלט. —

פאוועל מיט גאָרנישט אהיים מוז זיך קערן,
שטום רוקט אראָפּ ער די הוט אויפן שטערן.
מאָרגן, ס'איז גאוועל געשמאק באַך געשלאָפן,
דערפילט ער: א טראָפּן אין נאָז אים געטראָפן —
ס'קאפּעט פון סטעליע; ער טוט זיך א לאָז.
טוק-טוק! געשלאָסן. א קוק דורכן שלאָס:
וויי! פול מיט וואסער דאָס צימער! זעט-זעט —
און מיט א ווענטקע זיצט פאוועל אין בעט.
— ס'טוט זיך דאָ, הער?
— איך פאנג פישלעך.
— דאָס וואַסער
רינט אויף מיין קאָפּ האָר! — שרייט גאוועל א בלאסער.
ענטפערט אים פאוועל: — ב יי ז י ך א י ן ג ע צ ע ל ט
מ ע ג מ אָ ן א י ע ד ע ר, וו אָ ס א י ם ב אָ ר ג ע פ ע ל ט. —
ס'לערנט דער משל דעם אמת דערקענען:
י ע ג ע ר צ ו ד י ר א י ז, וו י ד ו ב י ס ט צ ו י ע נ ע ם.

פאני יאַוויאַלסקי:

אוי גאָט אין הימל! וואָס עס ליגט אים אלץ אין זינען! אַפּשניצלער! אַפּשניצלער!

פאַן יאַוויאַלסקי:

נו, קומט, אייער גנעדיקייט.

פאני יאַוויאַלסקי:

(באַהאַלטנדיק די האַנט-אַרבעט)

באַלד, האַרצעניו.

פאַן יאַוויאַלסקי:

איך דין אייך, פאַניע מיינער.

(אָפּגייענדיק)

אפילו אין עטלעכע חדשים וועט איר אלץ נישט פאַרשרייבן. איר וועט דאָ מוזן איבערחזרן, איך זאָג עס אייך פאָרויס.

סצענע III

וויקטאָר

וויקטאָר:

(אליין, ווי ער וואָלט רעדן צו יאַוויאַלסקין)

איך מיינט, אז ער וועט נישט איבערחזרן? — ער וועט, ער וועט,

איר דאַרפֿט אים נאָר אַ בעט טאָן. נאָר אויב איר מיינט, אַז ער וועט אייך נישט אַריינפּאַקן ביינאַנד מיט אייער מאַלגאָשען אין זיין קאָמעדיע, האָט איר אַ גרויסן טעות.

(נאָך אַ קורצן שווייגן)

אַ פּלאַטערקאָפּ! אָבער איך וועל דיר מיינס נישט שענקען — איך מוז זיך נוקם זיין. איך בין געזעסן אין קאָזע, וועסטו אויך זיצן. פאַר מיר איין קאַפּיטל, פאַר דיר אַ צווייטס — די פּאַפּירן זענען ביי מיר. גוט. כ'וועל באַווייזן, אַז אויך איך קאָן פאַרפּלאָנטערן און אויפּפּלאָנטערן אַן אינטריגעלע. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס איך קאָן נישט זיין קיין עדות פון מיין ווערק. איך וועל מיך באַהאַלטן אין גאָרטן, און ווען כ'זאָל אפילו דריי שעה דאַרפֿן זיצן צווישן די קוסטעס, וועל איך זיצן און געדולדיק וואַרטן.

סצענע IV

וויקטאָר, קאַמערהער

קאַמערהער:

וואָגט מיר, פּאַניע וויקטאָר, ווי אַזוי זענען די־אָ שטייגעלער געשעריקט געוואָרן?

וויקטאָר:

ווייל זיי זענען אַראָפּגעפאַלן.

קאַמערהער:

אַהאַ — אַראָפּגעפאַלן! און איר וועט דאָ פאַרבלייבן לאַנג?

וויקטאָר:

איך צווייפל.

קאַמערהער:

וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן קאָנט איר האָבן אין אַזאַ משונהדיקן אופן פון אַרומרייזן.

וויקטאָר:

פאַרגעניגן?

קאַמערהער:

לודמיר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז בלויז צוליב פאַרגעניגן

וויקטאָר:

לודמיר! אַוודאי, ס'פּאַסט אים אַזוי צו זאָגן.

קאַמערהער:

ס'איז דען נישט אַזוי?

וויקטאָר:

די זאַך זעט אויס אַנדערש.

קאַמערהער:

איך בעט אייך זייער! אַנדערש?

וויקטאָר:

א סך רעטעניש זענען פאַראַן אויף דער וועלט.

קאַמערהער:

איך קאָן קיין שום רעטענישן קיינמאָל נישט טרעפן.

וויקטאָר:

טיילמאָל צווינגט דער גורל צו טרעפן.

קאַמערהער:

צווינגט?

וויקטאָר:

און בלוטיק, שרעקלעך.

קאַמערהער:

כ'בעט אייך, דערמאָנט נאָר נישט קיין בלוט, ווייל ס'ווערט מיר גלייך צום חלשן.

וויקטאָר:

אויך איך בין א רעטעניש — א שפּילעכל אין די הענט פון גורל און אומגליק.

קאַמערהער:

(אַפּאַרט)

ער צילט עפּעס צו געלט.

(הויך)

אוי, זענען היינט צייטן, שווערע צייטן. — ווייץ פאַר אומזיסט — אויף בראָנפן פרעגט קיינער נישט. — קיינער וויל נישט קויפן.

וויקטאָר:

אָבער ארויסרייסן וועט ער.

קאַמערהער:

(זיך צוריקציענדיק)

אָהאָ, האָ!

וויקטאָר:

פּאַניע קאַמערהער! — דאָס געוויסן הייסט מיר לענגער נישט שווייגן. כ'וועל אייך פאַרטרויען א שרעקלעכן סוד.

קאַמערהער:

אפשר... בעסער מיין ווייב?

וויקטאָר:

מיר איז אַלץ איינס — מיין גורל וועט זיך צוליב דעם נישט ענדערן — עס וואַרט אויף מיר נקמה — אָבער רעדן וועל איך.

קאַמערהער:

(זיך צוריקציענדיק)

איר צינדט זיך אָן.

וויקטאָר:

(אַ כאַפּ טוענדיק אים פאַר אַ האַנט)

לודמיר — לודמיר — איר ווייסט ווער דאָס איז?

קאַמערהער:

דוכט זיך, אַז ער איז... פּאַן לו... לודמיר.

וויקטאָר:

(זיך אַרומקוקנדיק)

ער איז

(טרייסלענדיק שטאַרק זיין האַנט)

אַ געפערלעכער מענטש. — היט אייך! — ווייל ווי צו אייך, ווי! די קאַרפּאַטן זענען נאָענט — ווי!

(גייט אַרויס)

סצענע V

קאַמערהער

קאַמערהער:

(אַליין, נאָך אַ לאַנגן שווייגן באַקומט דאָס לשון)

אָט האָסטו דיר! ווי. — אָבער וויאַזוי, וואָס? ווי די פּיס זעצן זיך מיר. — און ער אַליין איז אויך נישט זייער קיין זיכערער, אין די אויגן האָט ער עפּעס באַרבאַרישעס — ווי די פּיס ציטערן עס מיר.

(זעצט זיך)

אַ סוד, האָט ער געזאָגט — אָבער איך קאָן דעם דאָזיקן סוד נישט אויסבאַהאַלטן. — איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, געזאָגט בפירוש... דאָס הייסט, כ'האָב נישט געזאָגט, נאָר געטראַכט, געטראַכט... נו, וואָס אַן אמת, איך האָב גאָרנישט געטראַכט, אָבער דאָס איז פונדעסטוועגן נישט קיין זייער פריילעכע מעשה. — איינס ווייס איך אויף זיכער, אַז איך האָב שרעקלעך מורא.

VI סצענע

קאמערהער, יאַנוש, קאַמערדאַמע

יאַנוש:

באַוויליקט בלויז, אייער גנעדיקייט, מיך אויסהערן געדולדיק. — איך גלייב, אז אייער אופן פון האַנדלען איז דער בעסטער, אָבער...

קאַמערהער:

(ער לויפט איבער יעדעס מאָל פון יאַנושן צו דער קאַמערדאַמע)

הערט...

יאַנוש:

אָבער די פּאַננע העלענע האָט מיר הײַנט בפירוש אָפּגעזאָגט איר האַנט, און איך קאָן נישט צווייפלען, אז אָט דער לודמיר...

קאַמערהער:

דערלויבט...

יאַנוש:

האָט איר פאַרדרייט דעם קאָפּ, און אז איך וועל מיט מײַן גאַנצן געדולד בלייבן צום נאַר.

קאַמערהער:

זייער אַ וויכטיקע זאַך.

יאַנוש:

לודמיר באַהאַלט זיך נישט דערמיט, אז העלענע געפעלט אים. — די פּאַננע העלענע מײַדט אים נישט אויס — און סוף-כל-סוף, אויב לודמיר האָט אַ דאָרף, האָב איך אַ געפערלעכן קאָנקורענט.

קאַמערהער:

אַ געפערלעכן, ווירקלעך...

קאַמערהער:

איך זע אין דעם נישט קיין שום אויסערגעוויינלעכס, וואָס אַ יונגערמאַן באַמיט זיך געפעלן צו ווערן אַ יונגער פּאַננע, — האָסט אַ קאָנקורענט, איז וואָס? — Rien du tout *

קאַמערהער:

אום גאָטעס ווילן...

---

* לחלוטין נישט.

קאמערדאמע:

מיין ערשטער גאָטזעליקער מאַן, גענעראַל־מאַיאָר טוז, מיינט איר, האָט געהאַט בלויז אַזעלכע שווערקייטן איבערצוקומען, איידער ער האָט מיט מיר חתונה געהאַט? — Comment *

קאמערהער:

א שרעקלעכע זאַך...

(אָנווייזנדיק מיטן קאָפּ)

קאמערדאמע:

פֿאַר אים ווידער האָב איך חתונה געהאַט, ווייל מיינע ברידער האָבן מיר צוגערעדט. — זאָל זיי גאָט דאָס צום שלעכסטן נישט פֿאַרגעדענקען!

קאמערהער:

כ'דאַנק דיר, באַשע מיינע, אָבער הער...

יאנוש:

וואָלדמיר גנבעט זיך געשיקט אריין אין האַרץ פֿון פאַן יאָוויאַלסקי.

קאמערהער:

איך בעט דיך אומזיסט, איך בין ביי זיי גאַרנישט.

קאמערדאמע:

איך האָט פֿאַר זיך צוויי וועגן: אָדער פֿועלן ביים אַלטן מושל אין דער פֿערזאָן פֿונעם פאַן יאָוויאַלסקי, ער זאָל באַזייטיקן פֿון הויז די באַליבטע געסט, אָדער באַנוצן די אַלגעמיינע מעדיצין, ווי עס פֿלעגט זאָגן מיין ערשטער גאָט...

יאנוש:

(פֿאַרענדיקט האַסטיק)

זעליקער מאַן, גענעראַל־מאַיאָר טוז.

קאמערדאמע:

אַזוי איז עס. — און אָט די אַלגעמיינע מעדיצין איז געדולד.

יאנוש:

נו, אויב איך בין נישט געדולדיק, זעגען אויך אָט די וועגט נישט געדול־דיק.

קאמערהער:

(נישט קאָנענדיק איבעררייסן דאָס געשפּרעך, טוט א קלאַפּ מיט א שטעקן אין טיש)

קאמערדאמע:

אך!

קאמערהער:

אַנדערש האָט מען נישט געקאָנט איבעררייסן אייער צעווישעקייט. —

---

* ?וויאַזוי

הערט מיך אויס, אום גאָטעס ווילן! ווייל דאָס זענען נישט קיין שפּאַסן
— דאָ גייט וועגן אונדז אַלעמען.

(שטעלט זיך צווישן זיי, קוקט רעכטס און לינקס און שווייגט)

קאַמערדאַמע:

נו, וואָס?

יאַנוש:

מיר הערן.

קאַמערדאַמע:

כ'האָב עפּעס געדאַרפט זאָגן... ערגעץ וואָרט, כ'האָב פאַרגעסן.

(איראָניש)

א ליבער יונגערמאַן.

קאַמערהער:

אָ, איך ווייס שוין. — איר ווייסט, ווער עס איז לודמיר?

קאַמערדאַמע:

מיר ווייסן אַזוי פיל, וויפל דו.

קאַמערהער:

אומשולדיק, באַשע, דאָס מאָל ווייס איך מער.

יאַנוש:

איז ביטע, רעד — אפשר וועט דאָס מיר עפּעס העלפן.

קאַמערהער:

דעם טייוול וועט עס העלפן!

(זיך אַרומקוקנדיק)

לודמיר איז א געפערלעכער מענטש. — ווײ!

קאַמערדאַמע:

וואָס הייסט עס א געפערלעכער?

קאַמערהער:

זיין פריינד, וויקטאָר, איז נאָרוואָס פונראַנען אוועקגעגאַנגען — ער האָט
מיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז איך האָב זיך אַזש געמוזט צוזעצן און
שטיי נאָך ביז איצט נישט זיכער אויף די פיס.

יאַנוש:

וואָס זשע האָט ער געזאָגט? לודמיר האָט א דאָרף?

קאַמערהער:

ער האָט געזאָגט: „איך וואָרן אייך — זייט געהיט — לודמיר איז א גע-
פערלעכער מענטש — כ'האָב מורא פאַר נקמה. — ווי צו אייך" —
און נאָך א סך אַנדערע זאַכן, וואָס איך געדענק נישט, ווייל איך בין גע-
ווען, ווי איך זאָג זייער שטאַרק צעמישט.

קאמערדאמע:

וויסטאָר האָט עס געזאָגט?

יאַנוש:

ער האָט אוודאי געמוזט נאָך עפּעס מערער זאָגן.

קאמערהער:

קיין שום וויכטיקס — ווי מיר ווייזט זיך אויס, ווייל ער איז אויך נישט געווען רואיק... אהא! ער האָט נאָך געזאָגט, אז ווער עס וועט נישט געבן קיין געלט, ביי דעם וועט מען ארויסרייסן.

קאמערדאמע:

ס'איז קלאָר.   C'est comprhensible *

יאַנוש:

צוליב וואָס פאר א מאָטיוו האָט ער דאָס געזאָגט?

קאמערהער:

צי קאָן איך זיך אָנשטויסן דעם מאָטיוו? — נאָר ער האָט דערמאָנט עפּעס וועגן געווים.

קאמערדאמע:

ווו איז ער?

קאמערהער:

צי קאָן איך זיך אָנשטויסן, ווו ער איז? — ער האָט מיר געטרייסלט די האנט, אזש די געלענקן האָבן געקנאַקט, און איז פארשוואונדן.

קאמערדאמע:

קיין אמתער אומגליק האָט שוין נישט געפעלט, ווי נאָר ער זאָל זיך וועגן דן מיט זיין אַנטרעקונג צו אָט_דעם גזל.   C'est malheur **

קאמערהער:

איצט באַעצהט זיך. — איר דארפט זיך באַעצהן און געפינען אן עצה; — איך גיי וואָרענען העלושען, אז לודמיר איז א געפערלעכער מענטש; — איך אַליין ווידער וועל זיך באוואָפענען צוליב פערזענלעכער זיכערקייט. (גייט אוועק)

סצענע VII

יאַנוש, קאמערדאמע

יאַנוש:

אייער גנעדיקייט! דאָס זענען נישט קיין שפּאסן.

* — דאָס איז קלאָר.

** — דאָס איז אַן אומגליק.

קאַמערדאַמע:

אוודאי, נישט קיין שפּאַס.

יאַנוש:

וואָס זשע הייבט מען אָן צו טאָן?

קאַמערדאַמע:

זעצט אייך אויף א פערד, און דאַרף שטייען דראַגונער, אויב זיי זענע דאָ א צענדליק, מוז זיין א קאַפּראַל (איך ווייס דאָס אויף זיכער פון מיין ערשטן גאָטזעליקן מאַן, גענעראַל־מאַיאָר טוז). גיב איבער דאָס עדות זאָגן פון זיין אייגענעם חבר; איבעריקנס טוט, ווי איר ווילט, אַבי נאָ איר זאָלט ברענגען אהער באוואָפנטע כוחות! C'est ça *

יאַנוש:

(זיך אומקערנדיק)

אויב דאָס איז וויקטאָרס א שפּאַס?

קאַמערדאַמע:

— פלעגט זאָגן מיין ערשטער... Je na plaisante jamais**

יאַנוש:

(גיך פאַרענדיקנדיק)

גאָטזעליקער מאַן, גענעראַל־מאַיאָר טוז. אָבער אויב עס איז אַ שפּאַס לאָמיר זאָגן?

קאַמערדאַמע:

א שפּאַס נישט קיין שפּאַס, די פאַפּירן וועלן זיי מוזן באַווייזן. וועלן מיר זיך צום ווייניקסטן דערוויסן, וואָס דאָס זענען פאַר א לייט.

יאַנוש:

אָבער וואָס וועט זאָגן פאַן יאָוויאַלסקי?

קאַמערדאַמע:

איך גיי אים וועגן אַלץ מיטטיילן.

יאַנוש:

אָ, העלענע!

(גייט אַוועק)

קאַמערדאַמע:

וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? איך ווייס אַליין נישט; אָבער איך וועט אַפּעטעמען, ווען איך וועל זען לעבן זיך א מונדיר. — וואָס פאַר אַן אונ

* אָט וואָס.

** מיט מיר שפּאַסט מען נישט.

טערשיד ס'איז צווישן דעם גענעראל־מאיאָר און אַט דעם קאמערהער. — אין אַלץ — און אַלץ איז אַ גרויסער אונטערשיד. — Sans comparaison!*
(גייט. אַפּ צום צימער פון פאַן יאַוויאלסקי).

סצענע VIII

לודמיר.

לודמיר:
(װעלכער האָט, באַגעגנדיק אין דער טירד די קאַמערדאַמע, זיך טיף פאַרנייגט אַליין)
טיוואָלאַניש קוקט אויף מיר פון אויבן אַראָפּ די קאַמערדאַמע. — און דאָס איז אפנים דער פעלדז, אין װעלכן עס װעט זיך צעקלאַפּן מיין שיפל.
(נאָך אַ קורצן שווייגן)
אויף װאָס פאַר אַן אופן טרעט מען צו איר צו? װאָס האָט זי ליב? מיט װאָס זי געווינען?
(רופט צו דער לינקער טיר)
וויקטאָר! וויקטאָר! וו האָט ער זיך אַהינגעטאָן? — מיט יאַוויאַלסקין זייען די עסקים ווי צומבעסטן — ער איז אין מיר משוגענערהייט פאַרליבט. — איך האָב אים דערציילט מיין לעבנס־געשיכטע גענוי, ער האָט אויסגעהאָרכט אַ גערירטער, און אומדערוואַרט האָב איך ביי אים נישט געפונען קיין פאַראורטיילן, וואָס אַנבאַלאַנגט מאַיאָנטעק און אָפּשטאַמונג. — נאָך עטלעכע טעג, און איך װעל דרייסט קאָנען בעטן העלענעס האַנט. — העלענע ווידער — אָדער איך זע שלעכט, פיל שלעכט, פאַרשטיי־שלעכט, אָדער זי װעט נישט זיין דאַקעגן. אָט איז זי שאַקע.

סצענע IX

לודמיר, העלענע

העלענע:
(אפּאַרט)
אָט איז ער! אַ שפּיל פונעם גורל! מיין פאָטער האָט מיט זיין אַנטדעקונג מיר שרעקלעך אַ װעץ געטאָן אין האַרץ, װאָס איז געװען איינגעװויגט דורך דער זיסטער האָפענונג. שרעקלעכע פאַרגעפילן שלײַדערן מיך אין אַן אומדורכזיכטיקן תוהו־ובוהו.

---

* אָן אַ פאַרגלייך.

לוהמיר:

(אפארט)

זי זעט מיך נישט — איר נשמה שוועבט אין אן אידעאלן רוים.

העלענע:

(אפארט)

אויב עס איז אזוי — מוז איך אים ראטעווען — איך וועל דערלאנגען די האנט דעם אומגליקלעכן, וועמען מע מאַר נישט ליבן און איך וועל אים ליבן אייביק.

לוהמיר:

(אפארט)

דערווייל מוז איך נאָך זיין מטושטש ראָמאנטיש — עס העלפט נישט — איצט מוז איך זי געווינען, און נאָך דער חתונה וועט קומען א פארבעסערונג.

(צו העלענען, וועלכע האָט אויפגעציטערט פון זיין שטים)

הערלער האָט היינט אויפגעשיינט פאר מיר דער מאָרגנשטערן — א מילד ווינטל פון גליק האָט מיך צארט ארומגענומען, ווען איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל דאָ. — ווי באַרירט פון א כישוף־שטעקעלע, בין איך געוואָרן אן אנדערער, איידער איך בין געווען ביז איצט.

העלענע:

(אויפהייבנדיק די אויגן צום הימל)

ווי ער איז געווען ביז איצט!

לוהמיר:

דערלויבט, שיינע העלענע, עס זאָל אייער פארגעפלטן לעבן אויפשיינען פאר מיר דער שטערן פון האָפענונג.

העלענע:

נישט דער מילדער שטערן פונעם מילדן אָוונט, נישט דער רואיק שימערנדיקער שטערן פונעם מילדן פרימאָרגן קאָנען נישט זיין קיין גאראנטיע די וואָלקנס, וואָס ברענגען שטורעמס, זענען תמיד אין רעזערוו, זיי מיזן אונדז שטענדיק באאומרואיקן.

לוהמיר:

אך, נישט באאומרואיקן; וואָרן אויב ס'איז א שיין וועטער, איז אויך דער שטורעם נישט קיין דויערנדיקער.

העלענע:

אָבער א שטורעם פארניכטעט אָפט.

לוהמיר:

פארניכטונג קאָן אויך קומען בעת א שיין וועטער — דערויף מוז יעדער

מענטש גרייט זיין: — קיינעם האָט אפשר נישט, ווי מיר, דאָס לעבן אזויפיל דערנער אויפן לעבנס־וועג אָנגעוואָרפן, דאָך גיי איך דרייסט.

העלענע:

צי נישט צומאָל צו דרייסט?

לוזהמיר:

דאָס מוז זיך אינגיכן אַרויסווייזן.

העלענע:

(מיט אומרו)

אינגיכן? נאָך עפּעס אן אונטערנעמונג?

לוזהמיר:

א גרויסע אונטערנעמונג, וואָס איר פּועל־יוצא וועט זיין מיין גאנצע צוקונפט; וועלכע וועט באַלויגען פאר די קוואלן פון ביטערניש, וואָס האָבן מיך ביז היינט אָנגעטרונקען.

(מיט איבערטרייבונג)

אָדער וועט אריינשליידערן אין דעם שווארצן תהום פון ווילדער פאר־צווייפלונג.

(אפּארט)

אָט אזוי!

העלענע:

(אומרואיק)

האָט איר אזעלכע אומגליקן איבערגעלעבט?

לוזהמיר:

איך? צי כ׳האָב איבערגעלעבט גרויסע אומגליקן?

(אפּארט)

לאָמיר זשע זיין א העלד פון אויסערגעוויינלעכע אומגליקן און עגמת־נפשן.

(צו העלענען)

צו וואָס אנידערשטעלן א שוידערלעך בילד פאר אויגן, וועלכע האָבן גע־זען בלויז די מילדע פארבן פונעם פרילינגדיקן רעגנבויגן — בלויז די הארמאָניש צונויפגעגאָסענע פארבן פון בלומען, וואָס ציילן אויף דער מיידלשער ברוסט דאָס פריידיקע קלאַפּן פון הארצן.

העלענע:

א שוידערלעך בילד?

לוזהמיר:

יאָ, אַ שוידערלעכס. דורך דער שפּיל פונעם משונהן גורל אַרויסגעוואָרפן פונעם וויגעלע אין דעם תהום פון דער וועלט — האָב איך צווישן מי־ליאָנען מענטשן געזוכט א מענטשן — אומזיסט — געבעטן א הארץ,

אין קלאפ פון א הארץ. — אומעטום ווייסט, אומעטום פינצטער. — א פארשטויסענער, א פאראכטעטער, אנגעטרונקען מיט סם, האב איך מיך געווארפן... געווארפן..

העלענע :

און וואס? גאט מיינער!

לודמיר :

געווארפן זיך אין א ברישקע און געהייסן פארן, וווהין די פערד וועלן טראגן

(אפארט)

כ'בין אפנים געשטרויכלט געווארן

העלענע :

וווהין? וווהין?

לודמיר :

איך האב זיך געלאזן צו די אומצוטריטלעכסטע ג

העלענע :

אין די קארפאטן?

לודמיר :

אין די קארפאטן.

העלענע :

הימלען!

לודמיר :

הארט — נישט קיין שלאף, נישט קיין רו. — איך האב ארומגעבלאנקעט צווישן הענגענדיקע פעלזן; נישט איינמאל בין איך, ווי א געשפענסט, געווארן און די נעכט די שרעק פון רואיקע איינוווינער...

העלענע :

הא! שאנדאר!

לודמיר :

וואס?

העלענע :

דער רויבער!

לודמיר :

איך?

העלענע :

איר!

(לודמיר פארשקעט ארויס א געלעכטער)

אומגליקלעכער! פארשטעלט זיך נישט מיט קיין געלעכטער — איר האט

אויפגערעקט דאָס, וואָס איך האָב לײדער פאַרגעפילט. גישט אומזיסט איז געכטן מײן עלטערבאָבע אַראָפּגעפאַלן פונעם טשוואָק.* אַנטלויפט, אומגליקלעכער — און אַ האַלבער שעה אַרום וועט שוין זײַן שפּעט.

לודמיר:

(אַפּאַרט)

אָט דעם כבוד האָב איך כלל נישט דערוואַרט.

העלענע:

אין אַ פערטל שעה אַרום וועט שוין אפשר העלענע גאָרנישט קאָנען פאַר אײַך טאָן.

לודמיר:

פאַרוואָס אין אַ פערטל שעה אַרום?

העלענע:

אײַער חבר האָט אײַך פאַראַטן.

לודמיר:

וועלכער חבר?

העלענע:

וויקטאָר.

לודמיר:

וויקטאָר? האָט פאַראַטן?

העלענע:

פאַראַטן — האָט געזאָגט אַזויפיל, וויפל ס'איז נייטיק געווען, כדי מע זאָל אונטערנעמען שריט, וואָס באַדראָען אײַער פרײַהייט.

לודמיר:

וואָס זשע האָט וויקטאָר געזאָגט?

העלענע:

אַז: „לודמיר איז אַ געפערלעכער מענטש — היט אײַך — ווײַל ווי וועט זײַן צו אײַך, ווײ!"

לודמיר:

אָ, פאַרשאָלטענער וואַן־דײַק!

העלענע:

הייסט ער גאָר וואַן־דײַק, הייסט עס?

לודמיר:

און וווּ איז ער?

---

* דער עלטערבאָבעס פּאָרטרעט.

העלענע:

פארשוואונדן.

לוּדמיר:

האָט זיך נוקם געווען.

העלענע:

ער האָט טאַקע דערמאָנט וועגן נקמה. — אַנטלויפט, אַנטלויפט, אומגליקלעכער, קרבן פון פינצטערן גורל. — אָבער אין דעם מאָמענט פון אייביקער צעשיידונג קווענקל איך זיך נישט מודה צו זיין, אַז נישט איינער אליין פאלט איר אונטערן בלוטיקן קלאפּ. — העלענעס הארץ וועט אייך באַגלייטן. — אירע תפילות וועלן שוועבן איבער אייער טייערן קאָפּ. — הלוואי זיי זאָלן ווערן פאַר אייך און אומבאזיגבארער פאנצער! הלוואי זיי זאָלן פאַר אייך אויסבעטן מחילה און אויף להבא א רואיק לעבן!

לוּדמיר:

העלענע! הייסט עס, אַז אייער הארץ ענטפערט מיינעם. — ס'האָבן מיר נישט אָפּגענארט אייערע בליקן. אך, חזרט איבער, חזרט איבער, אַז איר ליבט, אַז איר גלייבט, אַז איר זענט געליבט, דערלויבט מיר האָבן האָפענונג...

העלענע:

קיין שום, קיין שום, קיין שום; אַנטלויפט, פארלירט נישט קיין צייט.

לוּדמיר:

איין וואָרט בלויז: איר ליבט מיך?

העלענע:

ליידער!

לוּדמיר:

ווען די עלטערן וואָלטן דערלויבט...

העלענע:

אך, צו וואָס באנייען די קורצע אילוזיעס פון דער נשמה! — איך געזעגן אייך, כ'געזעגן, אייך, וואָס אייער נאָמען אָנצורופן דערוועג איך זיך נישט.

לוּדמיר:

איז הערט מיך אוים.

העלענע:

ניין — יעדע מינוט איז פאַר אייך טייער.

לוּדמיר:

אָבער דערלויבט...

העלענע:

אַנטלויפט — דער וואלד איז נאָענט — דורכן גאָרטן.

לודמיר:

לאָמיר האָבן האָפענונג.

העלענע:

(אַנווייזנדיק אויפן הימל)

דאָרט!

(ער גייט אוועק)

סצענע X

לודמיר

לודמיר:

(אליין)

אָ, דו שמירער! וואָרט! — האָסט געוואָלט מיר אָנטאָן עגמת־נפש, אָבער ס׳איז דיר נישט געלונגען; איך האָב מער געווינען, איידער אָנגעוווירן. איך ווייס איצט, אַז העלענע ליבט מיך. — וואָס האָב איך זיך צו שרעקן? מע וועט מיך היינט שטעלן זיך פאר די אָרטיקע מאכט־אָרגאַנען... איך האָב באַפירן, וועלכע זאָגן קלאָר...

(זוכנדיק)

וו... וואָס איז דאָס?... דאָס איז שוין א צו גראָבער שפּאַס. — רעם קאָפּ וועט מען מיר נישט אַראָפּדרייען, אָבער אפילו עטלעכע שעה צו זיין אונטער א חשד איז אויך נישט אָנגענעם. — אפשר איז ער אוועק־געפאָרן? ניין, דאָס וואָלט געווען צופיל... אָבער ווער ווייסט... יאַנוש וועט נעמען נקמה... ער האָט פאַר וואָס... עס איז באמת אַביסל צו גראָבער שפּאַס.

סצענע XI

לודמיר, קאַמערדאַמע

(די קאַמערדאַמע, אריינלויפנדיק פון פאַן יאַוויאַלסקיס צימער, כאַפּט אָן, ווי אויסן זינגען, לודמירן פאר דער ברוסט)

קאַמערדאַמע:

איר האָט א „מייזעלע“ אויף דער פּלייצע? איר האָט א „מייזעלע“ אויף דער פּלייצע?

לודמיר:

(זיך צוריקציענדיק)

פארגעבנס...

קאמערדאמע:

מענטש איינער, ענטפערט: איר האָט אַ „מייזעלע" אויף דער פּליצע?

לזהמיר:

אָבער אייער גנעדיקייט! פֿאַרגעבנס, מיין סוחדות, איך פֿאַרשטיי נישט.

קאמערדאמע:

צי האָט איר אויף דער רעכטער פּלייצע אַ צייכן פֿון אַ מייזעלע, פֿרעג איך אייך בפירוש נאָך אַ מאָל.

לזהמיר:

אַ מערקווירדיקע זאַך!

קאמערדאמע:

ענטפערט, ווי גאָט דער איינציקער איז אייך ליב, ענטפערט.

לזהמיר:

אויב עס גייט אין דעם דוקא, האָב איך.

קאמערדאמע:

און אַלץ איז אמת, וואָס איר האָט דערציילט יאָוויאַלסקין?

לזהמיר:

יעדעס וואָרט.

קאמערדאמע:

איר וועט שווערן?

לזהמיר:

אָבער פֿאַרגעבנס...

קאמערדאמע:

רעדט, ווייל איך וועל משוגע ווערן.

לזהמיר:

איך וועל שווערן, ווען ס'וועט גייטיק זיין.
(אַפּאַרט)
וואָס איז דאָס?

קאמערדאמע:

אַ שווימענדיקן אין אַ וויגעלע האָבן אייך ציגיינער אויפגעכאַפּט?

לזהמיר:

אַזוי איז עס.

קאמערדאמע:

דערנאָך איבערגעלאָזט אַ קראַנקן?

לוחמיר .

ביים פאן וושאבע איז ליטע

קאמערדאמע :

און יענער האָט שפּעטער געקויפט ביי זיי די ידיעה, פון וואנען זיי האָבן
אייך גענומען?

לודמיר :

אזוי איז עס

קאמערדאמע :

און פון דער ווייסל?

לודמיר :

אזוי איז עס.

קאמערדאמע :

און האָבן גלייכצייטיס פארקויפט א קרייץ, וואָס איר האָט געהאט אויפן
האלדז?

לוחמיר :

אַ קרייצל?

קאמערדאמע :

אַ זילבערנגס?

לוחמיר :

אזוי איז עס.

קאמערדאמע :

מיט די בוכשטאבן ב. ב.?

לוחמיר :

א מערקווירדיקע זאך! אזוי איז עס ווירקלעך

קאמערדאמע :

ווייזט, ווייזט שנעלער! ב. ב. בארבארא באָבקאווא

לוחמיר :

איר האָט עפּעס א ידיעה וועגן מיינע עלטערן?
(דערלאנגענדיק דאָס קרייצל)

אָט איז עס.

קאמערדאמע :

(ווארפנדיק זיך אים אויפן האלדז)

זון! זון מיינער!

לוחמיר :

איך בין?

קאַמערדאַמע:

דער יונגער מוז, דער זון פונעם גענעראַל־מאַיאָר מוז. אָ,
Charles, Charles! *

Mon fils! ** איך פאַרליר די נשמה, און די שטייסט ווי א טימער.

לודמיר:

א פּלאַ. — און דעם הויז קאָן א שפּאַס...

קאַמערדאַמע:

(צודריקנדיק)

אך, צוליב א שפּאַס קלאַפּט נישט אזוי דאָס האַרץ. — דאָס איז דאָך האַרץ פון א מוטער.

לודמיר:

מוטער!

(קניענדיק)

בענטש דיין זון.

קאַמערדאַמע:

(נעמט אים ארום)

וו זענען געווען מיינע אויגן — דאָס איז דאָך א לעבעדיקער פּאָרטרעט פון מיין ערשטן גאַמעליקן מאַן, גענעראַל־מאַיאָר מוז
Mon Charles! ***,

כ'וועל דיך חתונה מאַכן מיט העלענען.

לודמיר:

וואונדער זיך נישט מוטער, וואָס איך דריק אים אזוי קאַרג מיינע געפילן, — זיי זענען צופיל פאַר איין מאָל.

קאַמערדאַמע:

העלענע איז דאָך דיר געפעלן?

לודמיר:

איך ליב זי.

קאַמערדאַמע:

זי וועט נישט זיין דאַקעגן?

לודמיר:

איך האָף.

---

* קאַרל, קאַרל!

** מיין זון!

*** מיין קאַרל!

קאַמערדאַמע:
לאָמיר זשע דיך נאָכאַמאָל ארומנעמען, לעבעדיקער פאַרטרעט פונעם גאָמוטליכן גענעראַל־מאַיאָר פון.
(דריקט אים צו זיך).

סצענע XII

קאַמערדאַמע, לודמיר, קאַמערהער

(דער קאַמערהער מיט א שפאגע, ציט זיך צוריק עטלעכע טריט, דערזעענדיק ווי דאָס ווייב דריקט צו דעם גאַסט)

קאַמערהער:
(אַפּאַרט)
וואָס איז דאָס?

קאַמערדאַמע:
טייערער קאַראָל!

קאַמערהער:
(אַפּאַרט)
בלויז גיין זיך פאַרקלאָגן פאַר זיין גנעדיקייט.

קאַמערדאַמע:
זאָג זשע מיר, דערציייל יעדן פרט פון דיין לעבן. אך, וויפל גליק איך האָב פאַרלוירן!

סצענע XIII

די זעלבע, פאַן יאַרוואַלסקי, פאַני יאַרוואַלסקי

פאַן יאַרוואַלסקי:
איך גיי אריין נישט דרייסט, ווייל איך ווייס נישט, צי זיי לאַנגווייליקן זיך, צי זיי ווײַלן זיך.

קאַמערהער:
זיי לאַנגווייליקן זיך.

קאַמערדאַמע:
זיי פרייען זיך. אָט איז Charles — מיין זון, דער זון פונעם גענע־ראַל־מאַיאָר...

קאַמערהער:
וואָס איך הער

פאן יאַוויאַלסקי:
גאָט צו דאנקען.
קאַמערהער:
וונדער, זונדער!
פאַן יאַוויאַלסקי:
איצט וועט אויך אייער גנעדיקייט אמאָל א לאד מאַן און אנדערע נישט נעמען עס פאר אומגוט.
קאַמערדאַמע:
אלץ וועט איר איצט מיט מיר מאכן.
קאַמערהער:
אלץ? טייער ווונדערלע! איך איך פריי מיך, וואָס דו האָסט זיך אָפּגעפונען.
פאַן יאַוויאַלסקי:
איך פריי מיך זייער, וואָס דו וועסט בלייבן מיט אונדז.
קאַמערהער:
ס'איז גרינגער א גראָב לייסטל... ס'איז גרינגער א גראָב... ס'איז גרינגער א לייסטל..

סצענע XIV

די זעלבע און העלענע

העלענע:
הימלען! צי מע נעמט אים צו?
קאַמערדאַמע:
ניין, ניין. ער וועט דיך נעמען, אויב דער זיידעניו וועט דערלויבן
העלענע:
פאַן... ווי זאָל איך אייך רופן?
לאַדימיר:
(לאַכנדיק)
נישט שאנדאָר, דאָס איז געווען וויקטאָרס א שפּאַס. איך האָב געפונען, טייערע העלענע, די מוטער, און אויב פאַן יאַוויאַלסקי וועט דערלויבן, וועל איך געפינען א פאָטער און א פרוי.
פאַן יאַוויאַלסקי:
איך האָב שוין לאנג געגעבן העלושען פולשטענדיקע פרייהייט אויסצוּוויילן זיך א מאַן.

קאָמענדאַנטע:

הייסט עס, העלענע, אַז ס׳הענגט אָפּ פון אייך

פאַן יאַוויאַלסקי:

איילט זיך נישט אונטער. איך ווייס, ווי זי פאַרטראַגט עס נישט נים איר לכל־הפּחות עטלעכע חדשים צו באַטראַכטן זיך

העלענע:

אויב דער זייער־זעניו הייסט, וועל איך דאָס מאָל נישט בעטן אַפּצולייגן.

פאַן יאַוויאַלסקי:

אהא!

דער סוד איז אויס
ס׳איז פון זאַק די אָל אַרויס,
פונעם רימען, געליבטער, אין דער בורע אַריין
בעסער א גימפּל אָ געמיינער,
איידער א שמעטערלינג א שיינער. אמת?

סצענע XV

די זעלבע, יאַנוש, וויקטאָר. צוויי זעלנער

וויקטאָר:

(פּאַפּירן אין האַנט, אומטערהינקענדיק)

סאַראַ מיגלדיקער, פאַרשאָלטענער ס׳איז היינטיקער טאָג! צום צווייטן מאָל שוין פירט מען מיך ווי א שלעפּער. איך ווייז זיי די פּאַפּירן — ניין — קום — צי אלע האָבן דאָ היינט פאַרלוירן די געזונטע חושים?

(זעצט זיך; אויף יאַוויאַלסקיס א צייכן גייען די זעלנער אוועק).

יאַנוש:

(צו דער קאָמענדאַנטע)

איך האָב אויסגעפירט די באַפעלן. איצט דאַרפט איר האַנדלען.

לוחדמיר:

(צו וויקטאָרן)

וואָס איז מיט דיר געשען?

וויקטאָר:

כ׳האָב צוגענומען דיינע פּאַפּירן — איבערגעשראָקן דעם קאַמערהער און זיך באַהאַלטן אין גאָרטן — אָבער אויס נייגעריקייט נישט געקאָנט איינזיצן אויף אן אָרט. אלע וויילע אַרויסגעקוקט פון צווישן די קוסטעס, האָט מיך דערזען דער קאַפּראַל.

פאַן יאַוויאַלסקי:

האָט געפּאַקט, ווי אַ מעווע אויף דער געסט.

וויקטאָר:

ער האָט דאָס באַטראַכט פֿאַר אַ זייער פֿאַרדעכטיקע האַנדלונג און באַפֿוילן גיין מיט זיך.

פאַן יאַוויאַלסקי:

ווער עס גראָבט פֿאַר יענעם אַ גרוב, פֿאַלט אין אים אַליין אַריין.

וויקטאָר:

און איך בעט מיך — איך מאַך קלאָר די גאַנצע זאַך — גיין — פֿון דער גאָרטן־פֿירטקע — איבער דער גאַנצער גאַס — איבערן גאַנצן הויף — פֿירט מען מיך צווישן די פֿערד, ווי דעם לעצטן לײדאַק.

לודמיר:

ווען דו וואָלסט געווען וויסן, וואָס פֿאַר אַ צרות דו האָסט מיר פֿאַרשאַפֿט!

וויקטאָר:

זאָל דאָס לכל־הפּחות זיין מיין טרייסט.

לודמיר:

כ'האָב אָפּגעפֿונען די מוטער.

קאַמעראַדען:

אין איך דעם זון!

יאַנוש:

צום טייוול!

קאַמעראַדער:

און מע וועט קענען מיט איר מאַכן, וואָס מע וועט וועלן.

וויקטאָר:

דער־אָ מענטש איז געבוירן געוואָרן אין אַ הייבל — אין מיר...

פאַן יאַוויאַלסקי:

אַזוי איז עס תמיד.
איינעם גאָלן אָלן, אַז מע האַרף נישט בעסער,
אַ צווייטן גאָלט נישט גערן אויך קיין מעסער.

לודמיר:

און העלענע וועט זיין מיינע.

יאַנוש:

אָ, פֿאַרגעבנס...

העלענע:

אזוי איז עס, אונדזערע נשמות האָבן זיך פארשטאנען פון דער ערשטער באַגעגעניש. די עלטערן דערלויבן צו דערגאַנצן זייער ערדיש גליק.

יאַנוש:

(צו דער קאַמערדאַמע)

אייער חשובע גנעדיקייט, אפשר איז דאָ עפּעס א שווינדל.

פאַן יאַוויאַלסקי:

(אפּאַרט)

ס'איז לאַנג זיך צו דערראַטן,
א פרוי צו גענאַרן.

קאַמערדאַמע:

אַך, מיין האַרץ וועט מיך גיכט פאַרפירן, און די גליקזעליקייט צו מיין ערשטן גאַסטפריינדלעכן מאַן, דעם גענעראַל...

יאַנוש:

אָבער דער צוזאָג, אייער חשובע גנעדיקייט.

פאַן יאַוויאַלסקי:

דער צוזאָג אויפן ציינגל דרייט זיך,
און א שוטה פרייט זיך.

קאַמערדאַמע:

(מיטן אַמאָליקן אופן פון רעדן)

עס וווּנדערט מיר, וואָס אייער גנעדיקייט דערוועגט זיך צו פאָדערן, איך זאָל, קריוודענדיק דעם אייגענעם זון אין אים לרעה, דערהאַלטן דעם צוזאָג, וואָס איך האָב געגעבן גאָר אין אַנדערע באַדינגונגען

C'est droll *

קאַמערהער:

(אפּאַרט)

אוי, שוין ווידער אויפן אַלטן שטייגער.

פאַן יאַוויאַלסקי:

דאָס העמד איז נענטער פונעם קלייד
צום אייגענעם, — זאָגט א שפּריכוואָרט.

לודמיר:

פ ר י ע ר ז י ך, ש פּ ע ט ע ר ד י ך.

פאַן יאַוויאַלסקי:

ק ו ד ם ס אָ ב ק ע ן א ו ן ש פּ ע ט ע ר ד אָ ב ק ע ן.

---

* דאָס איז פּשוט לעכערלעך.

יאַנוש :

איך זע, אַז אַלע האָבן זיך געווײַלט און ווילן זיך ביז איצט אויף מײַן חשבון.

פאַן יאַוויאַלסקי :

געטאַנצט האָט ווער ס'האָט נאָר געוואָלט,
און דו דעם פידלער האָסט באַצאָלט.

וויקטאָר :

אָ, אויך מײַנער אַ גראָשן איז צו די פידלער אַרײַנגעפאַלן.

פאַן יאַוויאַלסקי :

אָבער דאָס איז באַצאָלט ברויט, פאַניע מײַנער
(יאַנושן)
זאָרגט זיך נישט, אויך איר וועט געפינען אַ ווײַב, ווי אַ שפּריכוואָרט
זאָגט: יעדעס טעפּל געפינט זײַן שטערצל.*

יאַנוש :

כ'האָב אַ גוט דאָרף

פאַן יאַוויאַלסקי :

און כּדי אײַך צו טרייסטן, וועל איך דערציילן אַ משל. איר קענט ווע(ג)
אַ שטיגליץ און אַ פינק?

אַלע:

מיר קענען

פאַן יאַוויאַלסקי :

איז הערט זשע.

יאַנוש :

כ'ווייס, כ'ווייס

פאַן יאַוויאַלסקי :

(צוהאַלטנדיק אים פאַר די הענט)
הערט:

ס'האָט אַ יונגער שטיגליץ אויף אַ טונקלער ראַבינע אין פעלד
זיך אין שכנות פון אַ פינקעבע געשטעלט.
און אַזוי ווי אויפן שכל הינקט ער אונטער,
גלייך פון ערשטן בליק די ליבע צינדט אים אונטער
אָבער הויז דער שיינקייט מערקט ער גלייך,
אַז די ווייגונג פון דער פינקעבע איז רייך.

---

* דאָ איז דער סוף פון דער פיעסע אויף דער סצענע (באַמערקונג פון אויטאָר)

(כאָטש נאָך יונג, נאָר צו באמערקן אַלץ איז ער געראָטן)
קערנער ליגן דאָרט א סך צעשאָטן.
אָט די וווינונג מיטן זעטיקן געגנאָד
איז א שטיבעלע, געקראַטשעוועט פון דראָט,
און דאָס טירל (סאַרא גליק ס'האָט אים געטראָפן!),
אויף א שטעקל אָנגעשפּאַרט, איז אָפן

קאָמענטאַטאָר:

(באַווייזנדיק, אַז ער האָט פארשטאַנען)
א כאַפּ־שטייגעלע.

פּאַן יאַוואָרסקי:

לאַנג האָט זיך דער שטיגליץ צוגעקוקט, דערנאָך
זיך געלאָזט צון איר מיט לייכטן פּאָך.
גיגונט, אין געזאַנג פארגייט זיך,
שפּילט פאַר איר זיין ליבע און פארשטייט זיך,
בעט, זי זאָל דאָס זעלבע שענקען אים צוריק,
און ער רייסט נישט פון די קערנער אָפּ דעם בליק;
אויך די פינקעכע מאַכט הנדעליד אויף אַלע זייטן,
ווי איר שטייגער איז פאַר לייטן.
ס'איז די פינקעכע געווען א שיינהייט, און דער טשיזש*
יונג און פריש.
שיין די שפּייז און פיל, און ס'האָט גענומען נאָגן —
ס'האָט דער הונגער זיך צעשפּילט אין שטשיגליצס מאָגן.
און ער איז געוואָרן, נישט צו טראַכטן לאַנג,
דרייסטערער אין גאַנג,
אָבער קוים נאָר צוגעקומען... קנאַק! —
ס'איז דער שטיגליץ איגעם שטייגל שוין מיט האַק און פּאַק.
אָנהייבס האָט דאָס ווייבל מיטן קעלעכל דעם ליבן,
מיט איר צערטלען — פון זיין קעפּעלע די זאָרג פארטריבן,
אָבער גאָר נישט לאַנג
האָט געדויערט איר געשאַנק.
גאָרנישט ווי די זעלבע, א פארקערטע,
זיצט זי אין איר ווינקל א פארקלערטע,
און ווען ס'נעמט דער שטיגליץ רעדן העפלער, שיין
ווענן זינגען, וואָס זי קאָן אַז דעם זיך נישט באַגיין,

* שטיגליץ.

טוט זי זיך א קאָרטשע
און א וואָרטשע:
— כ'רייץ און הנדל זיך נאָר דעמלט, ווען איך בין אליין,
און כל־זמן איך דארף ביי עמעצן נעפינען חן. —
כאָטש פון שארפן ענטפער וויטיקלעך געטראָפן,
איז דער שטיגליץ פונעם לעבן נישט אנטלאָפן,
האָט דערמאָנט זיך אין דער שפּיין;
הייבט אָן עסן. אָבער, טרויעריקער גורל, סארא גרייז!
ווי עס האָט פארפירט די האָפנונג! הער נאָר —
שאָלעכצן א סך, און זייער ווייניק קערנער.
אָפּגעקרעכצט און אָפּגעזיפצט, און ס'איז געבליבן ווי געווען. —
ס'האָט נישט איינער נאָך דער חופּה גלייך אין זיך דעם טשיזש
דערזען.

פאַני יאָוויאַלסקי:
אָפּשניצלער! אָפּשניצלער!
(יאַנוש גייט אַוועק)

סוף

K T
114